„אין חדר אריין" 5/-

„אין זכות פון די טעג" 3/6

פון

**משה עובד**

צו באַקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1

עפּענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

**„דאָס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראַם"**
**די נייע פּאָעמע פון די דיכטערין חוה ראָזענפאַרב**

צו באַקומען ביי:

MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1

— פּרייז 5/6 —

ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי.

**„די צייט"**

געגרינדעט אין 1913 פון

**מאָררים מייער**

די איינציקע יידישע צייטונג

אין ענגלאַנד.

(בשעת דער מלחמה —

די איינציקע אין אייראָפּע.)

די סוף־חודש זונטיקס פון

„פּריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"

זונטיק 26־טן יוני 8 אוונט

אין לאָקאַל פון

**„בן־אורי" קונסט גאַלעריע**

14 פּאָרטמען סטריט וו.1.

**דאָס 90טע געבוירן יאָר פון**
**שלום עליכם**

עס וועלן זיך באַטייליקן מיט רעציטאַ־ציעס און רעדעס:

משה עובד, אייזיק גאָלדבערג, י. ביעטש, אליהו פּאָלושאַק, נעט רובין און דאָרא דימאַנט.

אריינפיר וואָרט — א. נ. שטענצל

איינטריט פריי פאַר מיטגלידער!

1 שילינג פאַר נישט מיטגלידער


*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*



# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 7 (העפט 114) — צענטער יאַרגאַנג — יולי 1949 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


**אינהאַלט:**


בין המצרים־געדאַנקען ........ ** 1
לירישע לידער (ביים פענסטער, קבר פון אומבאַקאַנטן ליד) .. יוסף פּאָלק 5
לעאָ קעניג דער קריטיקער און זיין לעצט בוך „לעסטערונגען".
(צו קעניגס 60סטן יובל) ........ נ. מ. סידאָ 6
דריי סאָנעטן ........ י. ה. לעווי 11
אַ ביסל רו (ליד) ........ מאַקס הערשמאַן 12
חבד (עסיי) ........ מ. ווילענסקי 13
אין ערשטן היי שניט (לידער) ........ א. נ. שטענצל 18
טונקלע טעג (דערציילונג) ........ א. מ. פוקס 22
קען אַ קונסט־ווערק זיין אַנטיסעמיטיש (עסיי) ........ לעאָ קעניג 31
פאַר די לעבעדיקע און די טויטע ........ יוסף פרענקל 34
מאיר צעלניקער — דער פאָלקס אַקטיאָר (צו זיין 35 יאָריקן
בינע־יובל) ........ ש. י. האַרענדאָרף 37
מאיר צעלניקער, (פּאָעמע) ........ 38
מיין וועג צו דער ליטעראַטור־קריטיק אין דער יידישער
ליטעראַטור ........ י. ראַפּאָפּאָרט 40
דער כלל־טוער (פעליעטאָן) ........ קיטי בראַון 47
ביכער אויפן טיש (ביבליגראַפישע־נאָטיצן) ........ אליהו פּאָלושאַק 50
מאָריס קאַץ'ס ערשטע טריט (רעצענזיע) ........ שמואל לעווין 53
וועגן דופּליקאַציע פון אַרטיקלען ........ פּראָפ. דר. א. א. ראָבאַק 57
אַ באַגעגעניש מיט ח. נ. ביאַליק ........ מאיר טייבענהויז 59
די הוספה פונם אַלטן חזן (פאָלקלאָר) ........ יחזקאל נח ערלעכמאַן 60
פּראָפעסאָר דר. זעליק בראָדעצקי, „אביב", יעקב באַטאַשאַנסקי,
נישט קיין רכילות חלילה, קאַדיאַ מאָלאָדאָווסקי (פעדער־שטריכן) .. ש. 61
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס ........ 64


**פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**


אַבאָנעמענט־פּרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע

„לשון און לעבן", נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

## פריינט פון יידיש-לשון, לאנדאן, אויסערגעוויינטלעכע

## מיטגלידער-פארזאמלונג

זונטיק דעם 17־טן יולי 4.30 נאכמיטיק וועט פארקומען אינם קאפע־רעסטאראן דייטש, 16 גרעטארעקס סט. (גרייט גארדן סט.) **אַן־אויסער־געוויינטלעכע מיטגלידער-פאַרזאַמלונג**, וואו עס וועלן באהאנ־דעלט ווערן זייער וויכטיקע ענינים, וואָס זיינען נוגע אונדזער קולטור־ארבעט אויף דער יידישער גאס.

מיר בעטן אלע אונדזערע מיטגלידער און פריינט באשטימט צו קומען.

אין נאמען פון קאמיטעט: א. נ. שטענצל, א. פאלושאַק

## וויכטיק, וויכטיק — זייער וויכטיק!!

אונדזערע לייענער און זייערע פריינט, וועלכע שטייען אינם געשעפטס־לעבן ווערן געבעטן אונדז צו זיין ביהילפיק מיט געשעפטס־אנאנסן. אויך דאס קען זיין אַ בוישטיין צו אונדזער וויכטיקער אַרבעט.

## צו אונדזערע אבאנענטן, לייענער און פריינט

די חשובע חברים, לייענער און אַבאָנענטן דאַרפן זיך באַמיען צו פאַר־אינטערעסירן נייע לייענער פון „לשון און לעבן“. העלפן פאַרשפרייטן דעם זשורנאַל!

און אויב מ׳שיקט אייך צו נאָך דריי חדשים דעם מאָנבריוו, שיקט תיכף צו פאַרן גאַנצן יאָר פאַראויס, ווייל מיר זיינען זייער געענגט אין געלט.

## און צו אלע ליבהאבער פון יידישן וואָרט

עס ווענדט זיך אין די לייענער און אַבאָנענטן, אַז אונזער זשורנאַל זאָל ווערן נאָך בעסער, רייכער אין אינהאלט, אדער מיר וועלן זיין געצוווּנגען אים ארויסצוגעבן אין א דינערן פארמאט.

אין אלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף די פאָלגנדיקע אדרעס:

E. Paluszak, 64 Lauriston Road, Hackney, London, E.9.

**ווערט א מיטגליד פון פריינט פון יידיש לשון!**

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 7 (העפט 114) צענטער יארגאנג יולי 1949 לאָנדאָן

## בין המצרים-געדאנקען

1

אמת, „וויסן איז מאכט“, און גדלות קאן אפשר אמאל זיין א סימן מבהק פון תלמיד־חכמדיקייט, אבער „וויסן אז מען ווייסט נישט“, איז ערשט דער אנהויב, דער בראשית פון גייסטיקייט און קולטור; ווארים יענע גרויסע הכנעה פארן ביסעלע שיינקייט, וואָס ווערט צוטראָטן אינם בלאָטיקן גערודגל פון „זיין אדער ניטש זיין“, — די דאָזיקע דערהויבענע מאכטלאזיקייט! — איז דאס טיף אין זיך באגראבענע קערנדל פאר יענעם אויפגייענדיקן געוויקסל וואס הייסט קונסט.

די טיף אין זיך טראגנדיקע באשיידנקייט אין ערבות פאר יעדער גע־שעענער האנדלונג און אחריותדיקע באהאנדלונג פון מינדסטן דומם און בעל־חי, דאָס מיטליידן מיט זיי, אויף אין זייט, דאָס וועלן זיי אַרויסהייבן פון זייער פארפאלנקייט און געפאלנקייט, פון דער אנדערער זייט, דאס זיינען דאך די אין זיך פארטיפטע גייסטלעכקייט און די פון זיך ארויסגעארבעטע בולטע פארעם; דאס זיינען דאך די צוויי זייטן פון דער עכטער נישט געפעלטשטער מטבע, די נישט נאכגעמאכטע און נישט אפגעפרעגטע — פונם שטיקל גאלד דאס אויסגעפרעגטע גאלד־שטיקל.

אז אונזער יידישע גייסטלעכקייט איז געווען א מעמקימדיק פארטיפטע און אן אינערלעך דערהויבענע דאס האט דאך באוויזן אונזער דורות־לאנגער געראנגעל, דער בשום אופן זיך נישט אינטערגעגעבענער — א געראנגל אויף לעבן און טויט, אן אומשטערבלעכער! אז מיר האבן זי געהאט אין א גרוי־סער מאָס און אין איבערמענטשלעכע דימענזיעס אָט די טיפע און ריינע גייסט־לעכקייט איז אפשר אויך גאר א סימן די חוצפהדיקע גדלות אונזערע, דער „שמינית שבשמינית“ וואס איז אונז געבליבן פון אט דער גרויסער ירושה...

און דער ביטערער געראנגעל אונדזערער אצינד, דער שווערער איבער־מענטשלעכער, אין די לעצטע דריי פיר דורות פאר פארעם, — פאר א בולט ארויסגעארבעטע ריינע יידישע קונסט־פארם! — איז דאך ערשט א באשיידע־נער אנהויב, ממש א קוים „אנגענומען“ פלענצל, וועלכעס קאן לייכט אויפ־געפרעסן ווערן פון ווילד־גראז און פון פרוכפערדיקע גיפט־קרייטעכצער.

אבער אין דער אייביק וועקסלדיקער וועלט, די וועלט פון עקוויוואלענט

און פון עובר לסוחר, ווו אלץ, וואָס וויל עקזיסטירן, איז אָנגעוויזן אויף דער מאכט פון אייגענעם באשטיין, אויף אויסגעפּרווטן און אויסגעפּרעגטן ווילן; אין דער וועלט פון אייביקער האנדלונג און פאַרוואַנדלונג, ווו יעדע שוין א ביסל אפגעריבענע מטבע, אדער נישט שארף ארויסגעקומענע ווערט געוואָרפן אין שמעלץ־טיגל, ווו יעדעס שוין אַ ביסל צוגעפוילט געוויקסל, אָדער נישט גאנץ געראַטנס ווערט געוואָרפן אויפן מיסט־קאמפּאָס; אין דער דאזיקער אייביק טומלדיק וועקסלדיקער וועלט פון „מער־ווערט“ — האט אבער דאָך נאָך דאס שטיקל מאטעריע דעם גרעסטן ווערט.

דאס איז דאָך דער וווּנדער פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ, דאס אייביקע געזעץ פון „חי נושא את עצמו“, דער גרויסער פּאַראַדאָקס, וואָס מאכט ערשט די מענטשלעכע עקזיסטענץ מעכטיק און באַרעכטיקט, עכט און ווערט־ווערט המשכדיק אייביק, ער ווערט אומשטערבלעך. פול, שורשדיק און מקורותדיק — עס לױנט זיך דער ביטערע געראַנגל, ער

2

און אז גייסטיקע שעפערישקייט איז געוואָרן אן עקוויוואַלענט, איז אויך געוואָרן עובר לסוחר, זיינען, ממילא די ביידע זייטן פון די דאזיקע גאָלדענער מטבע, — פונם כסדרדיקן גיין פון האנט צו האנט! — געוואָרן א ביסל אפגעריבן, איר בולטע געפרעסטקייט ווערט גלאט און פלאך; מיטן באקומען איר ביסעלע מאכט האט זי פארלוירן איר אבסאָלוטקייט, איר נישט אפגעפרעגטקייט. די פּאַרעם איז אין א כסדרדיקער באוועגונג און וועקסלונג מיטן באַקומען איר מאַטעריעלן ווערט.

און מיר האלטן שוין יעצט באַלד אזוי ווייט, אז יעדער שעפערישער סימן מבהק איז שוין כמעט אוועק, יעדעס יחוד־יחידותדיקע איז געוואָרן פארוועקסלטער געדאנקן־אויסטויש — דאס גאָלדענע רענדל פונם מענטשלעכן גייסט איז געוואָרן אָפּגעטוישט אויף צעפּלוידערטע גייסט־רייכקייטן; די איניציאַלן פון דער חתימה אונטער די אונטערגעשריבענע וועקסלען זיינען שוין נישט מער צו דערקענען... פונם גאנצן „מער־ווערט“ פונם גייסטיקן שאפן איז נאָך קוים געבליבן זיין אפגעפרעגטער מאַטעריעלער ווערט. א, דער געוואַלטיקער חילוק פון עכטער מאַטעריע ביז צו מאַטעריעלן ווערט, אז דער פּאַראַדאָקס פון שעפערישקייט ווערט דערגרייכט מיט „בעסט־סעלערס“!...

וואָרים דער מענטשלעכער „שיין־גייסט“ איז פּונקט ווי די שיינע פרוי, באוועגלעך און ענדערלעך, פּרעטענציעז און פּרעזענטיעז און וואָס ווערט נאָך שוואַכער און קרענקלעכער און קאַפּריזער אין די „וועקסל־יאָרן“. און אט־א דער לייכטזיניקער „שיין־גייסט“, אין זיין אימפּאָטענץ, ווערט דאס לייכט און ביליק אויסגענוצט פון אויפגעבלאָזענער מאכט און פאַר מאכטלאָזער חשיבות, אויף אזויפיל וויפיל גייסטיקע מאכערייקע און כבוד־זוכט קאַנען ציען נוצן איינער פונם אנדערן — דער „משוגע איש הרוח“ ווערט סאלאָן פּעאיק!



און דעמלט, ווען עס האלט שוין אזוי ווייט, ווערט העכסטער פּונקט פון דערגרייכונג, פאַרוואַנדלט און אויסגעטוישט אויף נידריקסטן ניוואָ, פּונקט ווי די קויף־קראַפט פון וועקסל־פּאַפּירן אויף דער בערזע, ווערט באשטימט און געמאָסטן דער שעפערישער ווערט און די גייסטיקע קראַפט!

און אז „די קונסט גייט זוכן ברויט“ ווערט, דעמלט, פון קינסטלער שוואַרץ־קינצלער, מעסער־וואַרפער און דראטן גייער, ער זוכט שוין צו רייצן דאָס נידריקסטע און פּאַרטיפּטסטע פונם ביליקסטן געניסער — ער ווערט אַ פאַרשמירטער פּאַיאַץ דיריגירט פון אַ בייטש!

און אט שטייט ער שוין מיטן הוט אין האנט אויף אלע ראַגעס, דאַנקנדיק מיט געבויגענעם קאָפּ פאַר אפגעריבענעם מינדסטן געלדשטיקל, וואָס מען וואַרפט אים אריין דאַרטן.

און עס האלט שוין אזוי ווייט, אז אונזער אפגעריבענע פלאַך־און גלאַט געוואָרענע מטבע מוז אויסגעפּרווט ווערן אויפן פּרוּושטיין, צי זי איז בכלל פון איידעלען מעטאַל. אבער צי איז נאָך מעגלעך אויפצוכאַפּן און באַאורטיילן דעם קלאַנג, צי ער איז ריין און נישט געפעלשט, אין דעם מאַרק־שרייערישן טומל פון קולות און ווידער קולות?

איז דאס אליין ווערט שוין דער גרויסער פּאַראַדאָקס פונם מענטשלעכן שאַפן, וואָס די קלענסטע מאַטעריע איז מער ווערט ווי זיין מאַטעריעלער „מערווערט“ — אליין צי קענען ווערן די מאַטעריע, דער זיך פאַרמענדיקער דומם, דער דערהויבענער בעל־חי דאס איז די אומשטערבלעכקייט.

3

שטייט אצינד, — אין דעם בלוטיקן און בלאַטיקן קולטור־געראַנגעל פון גרויסע קולטור־מאַכטן! — אונזער גייסטיקע און קולטור עקסיסטענץ אין גרויס געפאַר. אונזער יידישער פאַרעם־חוש און קונסט־ווילן האלטן זיך קוים ערשט אין איינקריצן און פּעסטיקן. זיי זיינען לעת עתה נאָך נישט אזוי שאַרף בולט, און אויף דער אנדערער זייט, איז אונזער גייסטלעכקייט שוין כמעט אינגאַנצן אפגעריבן, און מיר שטייען ממש אין געפאַר צו בלייבן א קולטורלאָז פאָלק.

יאָ, דעם „נצח ישראל“ האט מען אונז צוגעזאָגט, און דאס לאַנד, אז ס'זאָל אונז געהערן, איז אונז צוגעשוווירן געוואָרן, און דער עם ישראל חי ווערט דאָך שוין אפילו געזונגען פון נישט געמלהטע קינדער אין די וויגן, אבער אז מיר זאָלן זיין א קולטור פאָלק דאס האט אונז קיינער נישט צו געזאָגט; אויף דעם — אויף גייסטיקע שעפערישקייט אויף אויסגעאַרבעטן קונסט־חוש מוז מען האַרעווען, מוז מען בלוט שוויצן, מוז מען לייב און לעבן דערפאַר קענען אוועקגעבן.

ס'איז אונז נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען, צו געלטן אין דער וועלט פאַר א גייסטלעך פאָלק, צו האבן אן אייגן פּנים, צווישן די פעלקער אויפן פּנים פון דער ערד — צו באַקומען א צלם אלוקים! גרויסע תלמיד חכם־שטערנס

האבן מיר געמוזט אויספּאַלדעווען פון דעם שפּין־נעץ פון טויזנטער קנייטש־לעכן דעם „אדם כי ימות באוהל, אין התורה מתקימת אלא מי שממית עצמו עליהו“, האבן מיר געמוזט מקיים זיין צענדליקער און צענדליקער דורות.—

אין שמעלץ־טיגלען, אויפן מיסט־קאמפּאס האט מען אונז געגומען שוין ווארפן, ווייל די שאַרפקייט און בולטקייט פון דער זייט פון אונזער מטבע איז אפּגעריבן געוואָרן, פלאך און גלאט — — — און שוין — ערשט האלטנ־דיק אצינד ביים בראשית פון אונזער באשאפונג, די ערשטע דינגע ווארצל־הערלעך נעמען זיך קוים אן, — און שוין רייסן מיר זיך פונם שורש מיט ווילדן געלויף אויף פרעמדע מארקן, מיט איבערגענוצעוועט פרעמדס, שטאט מיט טיפער און הייליקער הכנעה צו ליגן איבער דעם יונגען שפּראָצל, עס צו ווארעמען מיטן הויך פון אייגענעם אטעם. די אחריות פון יעדן יחיד און די ערבות פונם גאנצן פאלק איז נוטיק, אז דאס געוויקסל זאל נישט איינגיין, און אַז עס זאָל נישט אויפגעפרעסן ווערן פונם ווילד־גראָז און פון די פרוכ־פערדיקע גיפט־קרייטעכצער.

מיר האלטן זיך אין איין רייסן צו גרויסע זאכן, צו געוואלטיקע אויפטו־עכצן; מיר שלעפּן די פרעמדע מאהאגאני קרעדענצן מיט אונז און מיר פאר־געסן אין אייגענעם ספרים־אלמערל. אין אונזער רייסן זיך צו מאכט, פארגעסן מיר אין דעם ביסעלע הכנעה פאר אונזער אייגענער מאכטלאזיקייט. מיר פאר־געסן, אז אויב א לעבעדיק פאלק וויל אויך זיין א קולטור־פאלק מוז עס זיין „וחי בהם“, מוז עס לעבן טיף אין זיך אין זיינע מעמקימדיקע אינערלעכקייטן.

אין אונזער בין־המצרים אצינד, פון איבערוואנדערונג און פארוואנדלונג, פון וועקסלונג פון איין פארעם אויף אַ צווייטער, פון ווערן פון א געטרעטענעם ווארעם א פלאטערדיק זומער פייגעלע, איז די געפאר געוואלטיק גרויס נישט פארכאפּט צו ווערן פון וועלכן נישט איז פארפיר ליכטל — — ס׳איז יעצט יענע געפערלעכע בין השמשות רגע, צווישן מארטירערטום און העלדישקייט — דער פאראדאקס פון אומשטערבלעכדייט!

* * * * *

אינם בין המצרים צווישן אונזער גייסטלעכקייט און גייסטיקייט מוז מיר וויסן, אז עס גייט אין דעם: נישט צו פארוואנדלען די מאטעריע אין א „מער־ווערט“, נאר זי אויסצופארמען אין א מער־ווערטיקייט; אז די יצירה פון מענטש זאל באקומען זיין צורה, אז די מאטערניש זאל באקומען דעם צלם האדם.

קונסט הייסט, דעם דומם און דעם בעל חי שעפעריש פארמען, און צוזאמ־מען מיט זיי, אין גייסטיק לעבעדיקס זיך אויפהויבן פון געפאלנקייט און פארפאלנקייט — עס איז דער יחוד פון מאטעריע און פארעם.



**יוסף פאלק*** (תל אביב)

# לירישע לידער

## 1. ביים פענצטער

אַז איך שטיי ביים פענצטער און איך קוק אַרויס —
זע איך טיף און קלאָר אין מיר אַריין:
ווייס איך אַז דאָס שענסטע איז פארגאנגען לאנג
און דער היינט צערינט אין מידן שיין.

און דאָס קומענדיקע איז נאָר ווידערוווקס
אויף די מיסטן פון פארלוירענע טעג:
„קלעפּטשעס“, וואָס אָפּגענאָרטער בעטלער
וואַרפט מיט אַ פליק אַוועק אין מיטן וועג.

און דאָס פּאַטאַ מאַרגאַנאַ דאָרטן:
עפּעס אנדערש איז עס — נישט די רו.
ווייל מיין צימער אַנקערט נאָך אדאָ,
קער איך צוריק און כ׳מאַך דאָס פענצטער צו.

## 2. קבר פון אומבאקאנטן ליד

אויסגעשוויגענע לידער מיינע,
כ׳בין א מצבה פאר אייך
און איך שטיי אַ טרויערוווערבע
ביי אַ צעזונגענעם טייך.

אינעם הארץ און מוח פונעם שומר
ווערט איר רייף — און פליוסק אין טייך!
היט איר קערפערלאָזע לעבנס,
וועלכע פלעסקען דאָ זיינס גלייך.

דאָך — נאָך דראָענדיקן עפּעס
(איז עס ווינט, צי איז עס בליק?) —
בלייבן וועט אַ לידער קבר
אָן אַ שאַרך און אָן אַ קריץ.

---

* העברעאישער און יידישער פראזע שרייבער און לירישער דיכטער אין ישראל.

## נ. מ. סידאָ

# לעאָ קעניג דער קריטיקער און זיין לעצט בוך „לעסטערונגען״

(צו לעאָ קעניגס 60סטן יובל)

יעדער עכטער קינסטלער איז אין תוך אַ שאַרפער קריטיקער. און יעדער גוטער קריטיקער מוז אין דער טיפקייט פון זיין וועזן זיין אַן אמתער קינסטלער. דער קריטיקער מוז אַליין זיין אַ שאַפערישער מענטש און טראָגן אין זיך דאָס קינסטלערישע ליכט. ער מוז דערפאַר אויך האָבן אינטואיציע און אינספּיראַציע, ווען ער גייט צו צו דער גרויסער און פאַראַנטוואָרטלעכער גייסטיקער אויפגאַבע פון קריטיקירן און „אָביעקטיוו״ אָפּשאַצן דעם צווייטנס אַ שאַפונג, אָדער ווען ער גייט צו צו קריטיקירן דירעקט „די ווערק״ פון דעם לעבן, פון דער מענטשלעכער דערשיינונג, אלס אזעלכער, און פון דער געזעלשאַפט. דאָס ווערק, וואָס ער קריטיקירט מוז אים באַגייסטערן, אָדער אויפרעגן, ער מוז דאָס ליב האָבן מיטן גאַנצן האַרצן, אָדער פיינט האָבן מיט זיין גאַנצן מהות; מיט אַנדערע ווערטער, ער מוז צוגיין ניט נאָר מיט געדאַנק, נאָר אויך מיט געפיל; און ניט נאָר מיט געפיל, נאָר אפילו אויך מיט א גרויסער, ליידנשאַפטלעכער באַציונג צו דער זאַך, וואָס ער קריטיקירט. און פּאַראַדאָקסאַל ווי דאָס זאָל נישט קלינגען, געבערט דער גוטער קריטיקער אין אַזעלכע שטימונגען און אונטער דער ווירקונג פון אַזאַ מין אינערלעכער אַטמאָספערע, אַ נייע שאַפונג, וועלכע גיט דעם לייענער אַן אָביעקטיוון (אויף וויפל דאָס איז מענטשלעך מעגלעך) אַ גייסטיק נישט אונטערגעקויפטן, ערלעכן אַריינבליק אין דעם ווערק, וואָס ווערט קריטיקירט, ווי אויך אין די פּראָבלעמען און אייגנשאַפטן פון קונסט און ליטעראַטור בכלל. ווייל דער אמת איז, אַז מיר האָבן נישט קיין אַנדערע מיטלען פון דערקענטעניש, אַחוץ אונזערע געפילן און געדאַנקען, וועלכע זענען ענג פאַרבונדען צווישן זיך, וואָס פונקציאָנירן נישט איינער אָן דעם צווייטן און קענען אַנדערש נישט לעבן.

מיט אַנדערע ווערטער, וואָס ברייטער און אנטוויקלטער, וואָס געוואַקסטער און שטאַרקער, וואָס מער דרייסט און טעמפּעראַמענטפול די סוביעקטיווע באַציונג, אַלץ נעענטער קומט דער מענטש צו דער אָביעקטיווער באַנעמונג, ווייל זיינע אַסאָציאַציעס זענען אין אַזאַ פאַל מער אַרומנעמנדיק, זיין וויזיע קלאָרער, זיין פאַרשטענדעניש טיפער, זיין פערזענלעכקייט רייכער און שאַרפער, עמפּפינדלעכער און מער אויפנאַמס־פעאיק, און זיין פאַרשטעלונג איז מער דורכדרינגנדיק.

דער געפיל־לאָזער „קאַלטער געדאַנק״, אויב ער איז אַט דעם עפּיטעט טאַקע ווערט, איז שטייף, טויט און שטומפּיק. אַזעלכע געדאַנקען זענען געווינטלעך מעכאַניש איבערגענומענע, נאָכגעמאַכטע און נאָכגעקרומטע. זיי



באַשטייען מערסטנטייל פון באַנאַלע אמת'ן און אויבערפלעכלעכע קרעדאָ'ס. יענער „קאַלטער געדאַנק״, ווידער, וואָס זעט דעם נאַאיוון מענטש אויס צו זיין קאַלט, ווייל דער דאָזיקער געדאַנק איז נעענטער צו דער גערעכטער, צו דער טיפער, מער אומפּאַרטייאישער אָפּשאַצונג פון אַ זאַך, אַט יענער געדאַנק איז אין אַן אמת די שיין פון הייסע געפילן, אַרויסגעהויבן פון די שמאָלע, פּערזענלעכע אויסרעכענונגען און אינטערעסן. און ס'איז פאַרקערט, דאָס באַשטענדיקע אידענטיפיצירן די געפילן מיט שמאָלע, באַגרעניצטע, פּערזענלעכע אינטערעסן און ענגע אויסרעכנונגען, וואָס שאַפט אָפּ אין דער פאַרשטעלונג פון אַ סך מענטשן די מיינונג, אַז געפיל און געדאַנק זענען אַזוי פרעמד צווישן זיך.

די אויבן דערמאָנטע אייגנשאַפטן פון עכט קינסטלערישער קריטיק, דערקלערן לעאָ קעניגס צוגאַנג צו קונסט און ליטעראַטור, צו די געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען צו וועלכע ער נעמט שטעלונג, צו די אידעען און פּראָבלעמען וועלכע ער באַהאַנדלט. ער האָט אַן אינערלעכע באַציונג צו די זאַכן איבער וועלכע ער שרייבט, ער רירט זיך ניט צו צו קיין ענין וואָס איז אים פרעמד און וואָס האָט אים נישט טיף באַוויגן, סיי ווען דאָס איז וועגן די אַלטע מייסטער, סיי וועגן די קלאַסיקער, וועגן דער נייער ליטעראַטור, וועגן אַבסטראַקטע פראַגן, אָדער אַנגעווייטיקטע געשעענישן פון דער צייט.

דער עכטער קינסטלער איז אַ פאַרברענטער פּראָקוראָר, אָדער אַ ליידנשאַפטלעכער אַדוואָקאַט, אָבער ניט קיין שופט, ניט קיין געשוווירענער ריכטער. און אַזוי איז אויך דער גוטער קריטיקער. ווי פאַרביסן ס'זאָל נישט זיין די באַשולדיקונג און ווי הייס ס'זאָל ניט זיין די פאַרטיידיקונג, בלייבט נאָך תמיד פלאַץ פאַר דעם צווייטן צד, פאַר דער פאַרקערטער זייט, פאַר דער קעגנגעזעצטער מיינונג, און ס'ווערט נאָך אַלץ שאַפעריש אַנגערעגט דער צד שכנגד, אין דער צייט וואָס דער שופט, וועלכער לייגט אַרויף דעם שטעמפּל און חתמ'עט דעם גורל, שטעלט אַזוי אַרום אַפּ דעם פּראָצעס, דעם גייסטיקן דין־תורה.

לעאָ קעניג'ן טרעפן מיר אַמאָל אַלס אַ בייזן און פאַרביטערטן פּראָקוראָר און אַמאָל טרעפן מיר אים אַלס אַ ליידנשאַפטלעכן פאַרטיידיקער, אָבער קיינמאָל נישט ווי קיין זעלבסט־צופרידענעם, און איינגעבילדעטן, פיליסטערישן שופט. קיינמאָל ניט ביי דער וואָג־שאָל.

די דושנע וואַרעמקייט, דער היימישער גערוך פון יענע שמאָלע און ענגע געפילן, וואָס קריכן ניט אַרויס פון דער אייגענער פעל, אַט אַ יענע אַטמאָספערע פון דעם אייגענעם אָטעם, פעלט פּלוצים אויס דעם באַגרעניצטן, נאַאיוון מענטשן, ווען ער דערפילט דאָס ווינטיקע און דאָס פרישע וועהען, וואָס קומט מיט דעם שווונג פון געדאַנק, ער דערפילט זיך פרעמד און ס'ווייזט זיך אים אויס צו זיין קאַלט, פונקט ווי אַ ניי געבוירן קינד פילט קאַלט און אומהיימלעך און פרעמד, ווען ס'ווערט נאָר געבוירן (ס'מעג אפילו זיין אין סאַמע מיטן פון אַ הייסן זומער טאָג), ווען ס'קומט נאָר אַרויס פון דער אינטימיטעט פון דער מאַמעס בויך. און מ'מוז עס איינוויקלען אין וואַרעמע דעקן. אָבער די

מענטשלעכע געפילן ענדיקן זיך נישט מיט אַט די קליינלעכע און אָרעמע עמפּפינדונגען, און אַזוי שנעל ווי זיי שפּאַנען אַריבער די גרעניץ פון דער „מאַמעס בויך“, זענען די געפילן דער אַפּאָגיי פונם געדאַנק, און דער ווייטערדיקער שאַפערישער געדאַנק איז דער זון פון נייע געפילן און דער פאָטער פון נייע, העכערע ליידנשאַפטן.

ערלעכקייט און מאָראַל, אויפריכטיקייט, עטיק און עסטעטיק, גייסטיקע ריינקייט מאָראַלע גאַנצקייט, קענען זיין פונקט אַזעלכע הייסע ליידנשאַפטן, ווי אַלע יענע ליידנשאַפטן, וועלכע מיר קענען אין דעם טאָג טעגלעכן און נאַכט נעכטלעכן לעבן. אַ פלעק אויף דעם פנים פון דער מענטשהייט און אַ פליאַמע אויף דעם געוויסן פון דער וועלט קען אַן אמתן קינסטלער אַפּשר קרענקען מער, ווי אַ שווערער שאָטן אויף דער ריינקייט פון דער געליבטער, און מער ווי אַ שוואַרצער חשד אויף איר געטריישאַפט.

דער מיאוסער פלעק, די אייטערדיקע צרעת, די חרפּה, וואָס האָט זיך צעלייגט איבער אונזער ערד און זיך איינגעפרעסן אין דעם ווינקל וואָס הייסט דייטשלאַנד, אַט די צרעת, וואָס פוילט און צעפרעסט און שטינקט ביז צום הימל, אַט די פּלאָג, וואָס הייסט פאַשיזם, וואָס איז דער סאַמע שפּיץ, דער סאַמע עק פון אונעסטעטישקייט און אונמאָראַלישקייט ארט דעם קינסטלער ניט ווייניקער ווי אַ פּערזענלעכער אומגליק, ווי די שרעקלעכסטע פּערזענלעכע נידערלאַגע.

לעאָ קעניגס בוך „דאָס בוך פון לעסטערונגען“, איז דער אויסגעשריי פון אַט דעם שרעקלעכן צאָרן, דער אויסגעשריי פון דער העכסטער מאָראַלישער אנטריסטונג, פון טיפער פאַרביטערונג און פון דעם שרעקלעכן עקל און שווידער, וואָס אַן אמת׳ער גייסטיקער עסטעט מוז פילן. ווייל קעניג איז אַן עסטעט, וואָס האט ליב און זעט די אמת׳ע שיינקייט ניט בלויז אין רייכע פארבן און פולבלוטיקע קאָלירן, אין גראַנדיעזע געשטאַלטן און צאַרטע שטריכן, נאָר נאָך מער און נאָך טיפער זעט ער די אמת׳ע שיינקייט אין דער קראַפט פון מענטשלעכן געפיל, אין דעם פלי פון מענטשלעכן געדאַנק, אין דעם שווונג פון מאָראַלישער קראַפט, פונקט ווי אין דעם שאַרם און אין דעם חן וואָס ס׳איז פאַראַן אין די פשוטע, געזונטע פאָרמען פון מענטשלעכן לעבן, פון מענטשלעכער גוטסקייט, אנשטענדיקייט און פריינטלעכקייט.

לעאָ קעניג ווערט אין אַלע זיינע שריפטן פאַרפאָלגט פון אַ ליידנשאַפטלעכער אויפריכטיקייט, און אַט די ליידנשאַפט דערגרייכט איר אַפּאָגיי אין דעם בוך „דאָס בוך פון לעסטערונגען“.

צווישן באַקאַנטע שרייבער איז אויסגעדריקט געוואָרן די מיינונג, אַז דאָס בוך איז אַן אינטימס בוך. אַט די מיינונג איז אין אַ געוויסן זין פאַלקאָמען קעגנגעזעצט צו דעם אמת׳ן פאַרנעם פון דעם בוך, ווייל דאָס בוך נעמט אַרום די טיפסטע אָפּגרונטן פון מענטש און פון לעבן. די אַטמאָספערע אַרום דעם בוך איז שוין גאָרניט קיין אינטימע, די אַטמאָספערע איז גיכער אַן אומהיימלעכע. מיר לאָזן זיך דאָרט אַראָפּ אין די שרעקלעכסטע טיפענישן און הויבן זיך אויף



צו די העכסטע הויכקייטן פון מענטשלעכן גייסט. וואָס קען שוין זיין אַ מער גייסטיק ברויזנדיקע כוואַליע, וואָס וואַרפט אונז אַזוי אומברחמנותדיק אַראָפּ און הויבט אונז אויף ביז צו שווינדלענדיקע הויכקייטן, ווי די צוויי פאָלגנדיקע ציטאַטן:

„...איך בין נישט יונג און איך האָב שוין פריער געוואוסט, דוכט זיך, וואָס מענטשן זענען, אָבער נישט אַזויפיל מוראדיקס, שרעקלעכס, ווי אַצינד. עפּעס פאַריתומדיקט חיהשעס איז דא אינם מענטשן. איך שעם זיך איצט פאַר מיינע אייגענע פיס, פאַר מיין אייגן לייב און פאַר זיך אין שפּיגל; איך בין אַ מענטש, דו ביסט דאָך אַ מענטש, זאָג איך זיך אַליין, — היט זיך, ביסט אַ מענטש, קוק, עס שפּריצט גיפט פון דיין גוטסקייט, לייטישקייט“. (זייט 132).

און אויף אַ צווייטן אָרט:

..„ווען איך פאַל כורעים פאַר דיר גאָט
און מיינע ציטעריקע קני
צוטרעטן אַ מערעשקע אויף די קאַלטע שטיינער
און עס ווייסט דערפון ניט קיינער
אין דיין מקדש אין דער פרי... —
ווערט מיין תפילה ניט צו שפּאָט?...“ (זייט 111)

אָבער דער טאָן אין דעם בוך קען אפשר דאָך באַצייכנט ווערן אַלס אינטים, ווייל אַט דער טאָן איז אַזאַ מין פאַרטרוילעכער, ווייל אַזוי רעדט מען געוויינטלעך נאָר צו די נאָענטסטע אויף וועלכע מ׳קאָן זיך פאַרלאָזן, וועמען מ׳קען גלייבן און מ׳מעג פאַרטרויען. אַזוי רעדט מען בלויז צו געציילטע, און אפשר בלויז צו זיך אַליין. דער דורכשניטלעכער מענטש, דער פאַרזיכטיקער בירגער און אויך דער מיטלמעסיקער טאַלאַנט רעדן ניט אַזוי צו קיין פרעמדע. פאַר פרעמדע פאַרפּוצט מען, מ׳פאַרדעקט, מ׳פאַרשטעלט און מ׳פאַרהילט. לעאָ קעניג האט געוואגט צו זאָגן דער גאַנצער וועלט אט די מאָראַלע אמת׳ן אין אַט דעם אָפענעם טאָן, נאָר אַ דאַנק דער ליידנשאַפטלעכער אויפריכטיקייט און דער ליידנשאַפטלעכער ערלעכקייט זיינער.

די ערלעכקייט און אויפריכטיקייט, פונקט ווי די גאַנצע מאָראַל, וואָס דינען אָפט דעם דורכשניטלעכן מענטשן אַלס אַ נייטווענדיק און באַקוועם מיטל אין דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, ברעכן ביי דעם מיטלמעסיקן מענטשן קיינמאָל ניט אויס מיט אַזאַ מין גייסטקן שטורעם און מיט אַזאַ מין ליידנשאַפטלעכער קראַפט.

דערביי איז די פאָרם (אַ חוץ דעם אינהאַלט), מיט וועלכער קעניג רעדט אין זיין בוך, אַזוי עכט און נישט פאַרציקערט. און איז געהאַלטן אויף אַ ניוואָ אויף וועלכן מ׳רעדט בלויז צו אויפריכטיקע דענקער, וואָס האָבן נישט קיין מורא פאַר דעם אמת, בלויז פאַר שרייבער, וואָס שרעקן זיך נישט פאַר קיין דרייסט וואָרט און וואָס האָבן גענוג כח אַריינצוקוקן דעם לעבן אין פנים אַריין, בלויז צו מענטשן מיט אַ הויך אַנטוויקלטן פאַרשטאַנד און אַ טיפן „סענס אָף היומאָר“, בלויז פאַר די איינגעווייעטע.

דאָס איז דער אייגנטלעכער גאַנג פון יעדן גרויסן שרייבער, אָבער לעאָ קעניג דערגייט דאָ ביז צו עקסטרעמיטעט און דאָס איז זיכער דערפאַר, ווייל די צייט און די אומשטענדן זענען אַזעלכע אומדערהערטע.

קעניג איז לויט זיין נאַטור אַן עפּיקורייער. זיין טעמפּעראַמענט, זיין פילאָסאָפיע, זיין וועלט־באַנעם זענען פול מיט געזונטער לעבנס־פרייד. לעבנס־פרייד איז ביי אים דער העכסטער אויסדרוק פון עטיק און עסטעטיק, די לעבנס־פרייד, וואָס איז ניט שמאָל און באַגרעניצט, נישט קורצזיכטיק און איינגעצוימט, נאָר ברייט, רחבות'דיק און ווייט אין איר פאַרנעם, פאַרמאָגט אין זיך, לויט זיין מיינונג, אַ גענוג געזונטע מאָראַלע קראַפט צו דערהויבן די מענטשן צו די העכסטע און האַרמאָנישסטע, גייסטיקע הויכן. ער האָט פיינט די געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען, וואָס פאָדערן שטענדיק קרבנות און עס טוט אים וויי צו זען די קרענקלעכע זעלבסט־באַוווּנדערונג, וואָס אַנטוויקלט זיך אָפט אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם קרבן, ווייל קעניג האַלט אָט די גייסטיקע דערשיינונג פאַר אַ פאַרקריפּלונג פון דער געזונטער און שטאָלצער לעבנס־פרייד, צו וועלכער יעדער מענטש איז באַרעכטיקט.

אפילו דער באַגריף אידעאַליזם איז קעניגן מיאוס צוליב דעם בלוט־דורשטיקן קולט פון קרבנות ברענגען און קרבנות זוכן און קרבנות מאָנען, ווי אַ סך אומפאַראַנטוואָרטלעכע, איינגעבילדעטע און קורצזיכטיקע פירער פאָדערן אָפט. קעניג האָט פיינט די מזבחות אויף וועלכע נאַיווע און אומשולדיקע יונגע מענטשן ווערן געאָפּפערט אין אונזערע צייטן אַ סך אָפטער, אַ סך מער פאַרשווענדעריש און אכזריותדיקער, ווי אין די ווילדסטע צייטן פון קאַניבאַליזם.

ער האַלט שוין גיכער פון אַ געזונטן און אויפריכטיקן עגאָאיזם, אָבער ווי ער אַליין זאָגט ווייטער אין דעם זעלבן בוך:

„....וואָס עגאָאיסטישער און אַנטוויקלטער אַ מענטשלעכער עגאָ איז אַלץ אוניווערסאַלער און אַלמענטשלעכער איז ער...“ (זייט 234).

מיט אַנדערע ווערטער, אונטער „עגאָאיזם“ פאַרשטייט ער אין אַן אמת די אייניקייט פון ליבע און פרייד. אמתע טיפע פרייד איז אוממעגלעך אָן ליבע. ליבע איז אַ מיטל צו פרייד. און אפשר איז אויך אמת די פאַרקערטע טעאָרעמע, אַז פרייד איז אַ מיטל צו ליבע, אַז ליבע איז אוממעגלעך אָן פרייד. דער עגאָאיזם וועגן וועלכן קעניג רעדט איז אין אַן אמת אַן אַנדער מער אויפריכטיק וואָרט פאַר ליבע צו דעם מיט־מענטש. ליבע וואָס דאַרף אין דער פאַרשטעלונג פון דעם מענטשן דערגרייכן אַזאַ שטופע, אַז זי זאָל ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פון אים, אַז ער זאָל עס ניט באַטראַכטן פאַר קיין קרבן, ווען ער שטרעבט צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון די מיט־מענטשן. אָט דער עגאָאיזם האָט דערפאַר גאָרנישט צו טאָן, מיט ניטשעס קאַלטער, פוסטער און חוצפה'דיקער „אויבער־מענטשעריי“. פאַרקערט, קעניג דערהויבט צו די העכסטע עטישע און עסטעטישע הויכקייטן דאָס פשוטע מענטשלעכע, ס'איז אים טייער דער איינפאַכער מענטש און די פשוטע מענטשלעכע פרייד. און ס'האַרט אים



וואָס מ'צעטרעט און מ'צעברעכט און מ'צעשטערט די מענטשלעכע פרייד און מ'פאַרניכטעט די מענטשלעכע רעכט צו לעבן און צו וואַקסן.

אין די קאַפּיטלען ווו קעניג קריטיקירט געוויסע שיכטן פונם יידנטום שטעלט ער זיך נישט אַוועק ווי איינער וואָס איז אויסער דער מחנה, נישט ווי קיין קליינלעכער אפטריניקער, נישט ווי קיין זעלבסט־צופרידענער אַסימילאַטאָר, וואָס האָט זיך אַליין פערזענלעך פאַרזאָרגט און רעדט פון אויבן אַראָפּ, ער זאָגט נישט „מה העבודה הזאת לכם“. ער רעדט נישט ווי קיין דרויסנדיקער, ווי איינער וואָס שליסט זיך אויס און הייבט זיך אַריבער. ווי ביטער און פאַרביטערט זיין קריטיק זאָל ניט זיין, איז זי דערפאַר אמתע זעלבסט־קריטיק, און ס'איז דאָ אין איר אַחוץ ווייטאָק, אויך הומאָר און ליבע צו די קריטיקירטע, פּונקט ווי ס'פעלט קיינמאָל נישט קיין הומאָר און קיין ליבע ביי דעם מענטשן וואָס קריטיקירט זיך אַליין.

## י. ה. לעווי

### דריי סאָנעטן

ווען איך זיץ אַרומגענומען
פון דעם פרילינגסדופט און פאַרבן,
קומט מיר אויפן זינען שטאַרבן
אינעם אסיען פון די בלומען.

בינען גאָלדנע פלאַטערן, זומען,
ביז זיי פאַלן אין דער שויס,
פון דער גליענדיקער רויז
אינעם אָסיען פון די בלומען.

רויזן וועלקן און זיי גלינען,
ווידער אויף אין פרילינג־צייט,
ווען דאָס וועטער נעמט זיך בייטן;
אָבער ווען אַ האַרץ פאַרגייט,
קאָן עס שוין נישט מער אויפבליען
נאָר בלייבט טויט פאַר אַלע צייטן....

2

דו ביסט אַזוי פריש, אַזוי יינג, אַזוי ריין,
ווי ערשטער געפאַלענער, פוכיקער שניי,
און גלייך ווי די בליטן אין אנהויב פון מאַי
וואָס דופטן צעקושטע פון זוניקן שיין.

דאָס איז דער אייגנטלעכער גאַנג פון יעדן גרויסן שרייבער. אָבער לעאָ קעניג דערגייט דאָ ביז צו עקסטרעמיטעט און דאָס איז זיכער דערפאַר, ווייל די צייט און די אומשטענדן זענען אַזעלכע אומדערהערטע.

קעניג איז לויט זיין נאַטור אַן עפּיקורייער. זיין טעמפּעראַמענט, זיין פילאָסאָפיע, זיין וועלט־באַנעם זענען פול מיט געזונטער לעבנס־פרייד. לעבנס־פרייד איז ביי אים דער העכסטער אויסדרוק פון עטיק און עסטעטיק. די לעבנס־פרייד, וואָס איז ניט שמאָל און באַגרעניצט, נישט קורצזיכטיק און איינגעצוימט, נאָר ברייט, רחבות׳דיק און ווייט אין איר פאַרנעם, פאַרמאָגט אין זיך, לויט זיין מיינונג, אַ גענוג געזונטע מאָראַלע קראַפט צו דערהויבן די מענטשן צו די העכסטע און האַרמאָנישסטע, גייסטיקע הויכן. ער האָט פיינט די געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען, וואָס פאָדערן שטענדיק קרבנות און עס טוט אים וויי צו זען די קרענקלעכע זעלבסט־באַוואונדערונג, וואָס אַנטוויקלט זיך אָפט אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם קרבן, ווייל קעניג האַלט אַז די גייסטיקע דערשיינונג פאַר אַ פאַרקריפּלונג פון דער געזונטער און שטאָלצער לעבנס־פרייד, צו וועלכער יעדער מענטש איז באַרעכטיקט.

אפילו דער באַגריף אידעאַליזם איז קעניגן מיאוס צוליב דעם בלוט־דורשטיקן קולט פון קרבנות ברענגען און קרבנות זוכן און קרבנות מאָנען, ווי אַ סך אומפאַראַנטוואָרטלעכע, איינגעבילדעטע און קורצזיכטיקע פירער פאָדערן אָפט. קעניג האָט פיינט די מזבחות אויף וועלכע נאַיווע און אומשולדיקע יונגע מענטשן ווערן געאָפפערט אין אונזערע צייטן אַ סך אָפטער, אַ סך מער פאַרשווענדעריש און אכזריותדיקער, ווי אין די ווילדסטע צייטן פון קאַניבאַליזם.

ער האַלט שוין גיכער פון אַ געזונטן און אויפריכטיקן עגאָאיזם, אָבער ווי ער אַליין זאָגט ווייטער אין דעם זעלבן בוך:

....„וואָס עגאָאיסטישער און אַנטוויקלטער אַ מענטשלעכער עגאָ איז אַלץ אוניווערסאַלער און אַלמענטשלעכער איז ער...” (זייט 234).

מיט אַנדערע ווערטער, אונטער „עגאָאיזם” פאַרשטייט ער אין אַן אמת די אייניקייט פון ליבע און פרייד. אמתע טיפע פרייד איז אוממעגלעך אָן ליבע. ליבע איז אַ מיטל צו פרייד. און אפשר איז אויך אמת די פאַרקערטע טעאָרעמע, אַז פרייד איז אַ מיטל צו ליבע, אַז ליבע איז אוממעגלעך אָן פרייד. דער עגאָאיזם וועגן וועלכן קעניג רעדט איז אין אַן אמת אַן אַנדער מער אויפריכטיק וואָרט פאַר ליבע צו דעם מיט־מענטש. ליבע וואָס דאַרף אין דער פאַרשטעלונג פון דעם מענטשן דערגרייכן אַזאַ שטופע, אַז זי זאָל ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פון אים, אַז ער זאָל עס ניט באַטראַכטן פאַר קיין קרבן, ווען ער שטרעבט צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון די מיט־מענטשן. אָט דער עגאָאיזם האָט דערפאַר גאָרנישט צו טאָן, מיט ניטשעס קאַלטער, פוסטער און חוצפה׳דיקער „אויבער־מענטשעריי”. פאַרקערט, קעניג דערהויבט צו די העכסטע עטישע און עסטעטישע הויכקייטן דאָס פשוטע מענטשלעכע, ס׳איז אים טייער דער איינפאַכער מענטש און די פשוטע מענטשלעכע פרייד. און ס׳האַרט אים



וואָס מ׳צעטרעט און מ׳צעבריקט און מ׳צעשטערט די מענטשלעכע פרייד און מ׳פאַרניכטעט די מענטשלעכע רעכט צו לעבן און צו וואַקסן.

אין די קאַפּיטלען וו קעניג קריטיקירט געוויסע שיכטן פונם יידנטום שטעלט ער זיך נישט אַוועק ווי איינער וואָס איז אויסער דער מחנה, נישט ווי קיין קליינלעכער אַפּטריניקער, נישט ווי קיין זעלבסט־צופרידענער אַסימילאַטאָר, וואָס האָט זיך אַליין פערזענלעך פאַרזאָרגט און רעדט פון אויבן אַראָפּ. ער זאָגט נישט „מה העבודה הזאת לכם”. ער רעדט נישט ווי קיין דרויסנדיקער, ווי איינער וואָס שליסט זיך אויס און הייבט זיך אַריבער. ווי ביין און פאַרביטערט זיין קריטיק זאָל ניט זיין, איז זי דערפאַר אמתע זעלבסט־קריטיק, און ס׳איז דאָ אין איר אַחוץ ווייטאָק, אויך הומאָר און ליבע צו די קריטיקירטע, פונקט ווי ס׳פעלט קיינמאָל נישט קיין הומאָר און קיין ליבע ביי דעם מענטשן וואָס קריטיקירט זיך אַליין.

---

## י. ה. לעווי

## דריי סאָנעטן

ווען איך זיץ ארומגענומען
פון דעם פרילינגסדופט און פארבן,
קומט מיר אויפן זינען שטארבן
אינעם אסיען פון די בלומען.

בינען גאלדנע פלאטערן, זומען,
ביז זיי פאלן אין דער שויס,
פון דער גליענדיקער רויז
אינעם אָסיען פון די בלומען.

רויזן וועלקן און זיי גלינען,
ווידער אויף אין פרילינג־צייט,
ווען דאס וועטער נעמט זיך בייטן;
אָבער ווען א הארץ פארגייט,
קאן עס שוין נישט מער אויפבליען
נאר בלייבט טויט פאר אלע צייטן....

2

דו ביסט אַזוי פריש, אַזוי יינג, אַזוי ריין,
ווי ערשטער געפאלענער, פוכיקער שניי,
און גלייך ווי די בליטן אין אנהויב פון מאי
וואָס דופטן צעקושטע פון זוניקן שיין.

און ווען נאָר איך קוק אין דיין אויג דיר אַריין,
וואַכט אויף אין דער טיף פון מיין האַרצן גאַנץ שטיל, —
דאָס אייביקע טרויער און פריידנדגעפיל:
פון לעבן דאָס קומען, פון טויט דאָס פאַרגיין....

און דאַמאָלט ווי וואָלט איך דיך ווידער גענומען
פאַרשפּילט אויף די הענט און מיט ליבע געטראָגן —
אַזוי ווי אַלס קינד דיך צום האַרצן געדריקט;
געשפּילט מיט דיין וואָרט זיך אַזוי ווי מיט בלומען,
געזאָגט דיר וואָס כ'קאָן דיר שוין היינט מער נישט זאָגן,
מיט מעשׂות און לידער אונדז ביידן פאַרוויגט....

3

דו גייסט, און ווי פאַרכשופט סוועדט אויף איינמאָל שטיל דער וועג
וווּ דו וואַנדערסט איבער לאַנקעס טיף צעבליט,
און פּלוצים הערסטו ס'בת־קול פון די פּרי פאַרלעבטע טעג
ווידער קלינגען אויף אין דיינע אייג'נע טריט....

דו גייסט, און ווייסט אַליין נישט וווּ אַהין דיין האַרץ דיך ציט,
ווער עס האָט דאָס דיך געהיים אַזוי פאַרפירט?
דאָס נעמט דער עבר ווידער אויף דעם וועג דיך מיט צויבער
דעם פאַרליבטן וווּ דו האָסט אַמאָל געאירט....

דו גייסט, און ס'לאָזט דער וועג פאַר דיר גאָר קיינמאָל זיך נישט אויס,
און עס ווערט פון וואַנדערן נישט מאַט דיין פוס;
ווי ס'וואָלט די איינזאַמקייט געפאַנגען דיך צו זיך אַריין אין שויס
און דיין האַרץ פאַרשיכורט מיט אַזאַ גענוס —
וואָס ער דרינגט געהיים אַדורך דיר דיינע גלידער,
ביז דו זינגסט אים אויס מיט אומעטיקע לידער....

---

## מאַקס הערשמאַן

### אַביסל רו

טאָג־איין, טאָג־אויס אין אַנבליק פון אַג'אַנדער שטער,
וואָס ברעכט אין מיר פון ווידערשטאַנד דעם ווילן;
איז ראַנגלט זיך אומזיסט פאַרחלשט אַ באַגער,
וואָס טיף אין מיין נשמה איז פאַרהילן...

אַ, גאָט, דיין גאָלד, דיין זילבער וויל איך ניט פון דיר —
אַביסל רו איך וויל דו זאָלסט מיר געבן,
און אַלץ, וואָס בענקט און גאַרט, וואָס וויינט און זינגט אין מיר,
אַן אַפּקלאַנג זיין זאָל פון מיין ערדיש לעבן!..



## מ. ווילענסקי

### חבד

איך בין נישט אויסן דאָ איבערצוגעבן די גאַנצע געשיכטע פון חסידות, מיט אירע אַלע שטרעמונגען. אַזוינס קען אין קורצן נישט געשריבן ווערן. דאָ וויל איך נאָר באַטראַכטן איין שטראָם, וואָס איז אַרויסגעפלאָסן פון ים החסידות, שיטת חבד און אירע ריינע, קלאָרע געדאַנקען. דאָס אַליין איז באמת גענוג פאַר אַ גאַנץ בוך, וואָס קען געהערן צו דער פילאָסאָפישער ליטעראַטור. איך וויל זיך באַגרענעצן אויף איניקע באַטראַכטונגען, פּסיכאָלאָגישע און פילאָסאָפישע, וואָס געפינען זיך אין דער וויכטיקער דערשיינונג, וואָס מיר רופן חבד.

חבד איז די פאַרקירצונג פון די ווערטער חכמה בינה ודעת. ווי באַוווסט, האָט ר' זלמן שניאור מלאַדי משנה געווען דעם נוסח התפלה חננו און געזאָגט אַנשטאָט דעה בינה והשכל, חכמה בינה ודעת. פאַראַן אַ סך, וואָס מיינען, אַז חבד שטאַמט פון דעם, ווייל מ'האָט געלערנט חכמה, בינה ודעת, אָבער דאָס איז נישט ריכטיק, ווייל אין די ערשטע צייטן האָט מען דעם נאָמען נישט געהערט. ערשט שפּעטער ווען דער נוסח איז אָנגענומען געוואָרן איז געקומען די אָפּשטאַמונג — אַזוי ווי מען רופט אין ליטא אַ סתם חסיד „ויצמח פורקני“. חבד איז איינע פון די וויכטיקסטע דערשיינונגען מיט וועלכע ס'צייכנט זיך אויס חסידות, מיט אירע טיפע געדאַנקען און סודות'דיקן אינהאַלט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער אַלט פאָלק, פון אייביק אָן. אָבער ס'פאַלט אויס זער שווער איבערצוגעבן די געדאַנקען און פּראָבלעמען, וואָס ווערן דאָרט באַהאַנדלט, בפרט אין אַ צייט ווען די וויסנשאַפט באַנוגנט זיך מער מיט „דרכי החיים“, ווי מיט „סודות החיים און מסתרי הבריאה“.

איך מיין, אַז ס'וועט נישט אויסקוקן מאָדנע, וואָס איך, כלומרשט אַ העברעאיסט, זאָל דווקא שרייבן איבער אַזאַ טעמאַ אין יידיש, אין דער צייט ווען קינד און קייט פרייפלען אין העברעאיש. מוז איך דאָ מגלה זיין אַ סוד, אַז גראָד אונזערע מיסטישע ספרים זענען אין אַ גרויסער מאָס געשריבן געוואָרן אין ארמית אין דעם אַמאָליקן יידיש, אין דער צייט ווען די אַראַמעישע שפּראַך איז שוין נישט גערעדט געוואָרן, ווי „ספר הקנה, פּלאה, ספרי הקבלה, הזוהר“ וכדומה, און יידיש אַליין איז אַ מיסטיציזם, גאַלע מיסטיק, איר קיום אַליין איז מיסטיש. מיר קענען נישט פאַרשטיין די התלהבות פון די געצייילטע יידישע שרייבער צו דער דאָזיקער שפּראַך. די פּסיכאָלאָגיע דערפון וועל איך אפשר פּרוּוון צו דערקלערן אין אַ צווייטער אָפּהאַנדלונג. איך וויל דאָ אויך באַמערקן, אַז די אַלע געדאַנקען מיט וועלכע חבד באַשעפטיקט זיך, זענען נישט נאָר וויכטיק פאַר אונז יידן, נייערט אויך פאַר יעדן מענטשן. וואָס דענקט. דער הויפּט ציל פון חבד איז צו רייניקן די מחשבה און צו אַנטדעקן די „סתומות שבישׁ“, און צו דערהויבן דעם מענטשן, אַז ס'זאָל אויך אים רוען אַ

געטלעכער גייסט, אַז ער זאָל זוכן די התחלות און סבות פון די פּראָצעסן, וואָס גייען אָן באַנייען זיך אין יעדער רגע; צו פאַרברייטערן זיינע השגות, אַז ער זאָל נישט נאָר זען מיט זיינע פליישיקע אויגן, נאָר אויך מיט נשמה אויגן (כביכול) און די נייגונג זאָל ווערן אַ התחייבות אויף דעם מענטשן; אָן דעם האָט ער נישט דעם אמתן „ערך האדם״.

צום באַדויערן האָט שיטת חבד דעם זעלבן מזל, וואָס אונזער תנ״ך, די „ביבל״, איבער וועלכע אַלע שרייבן און אַלע רעדן, און די ספרים זענען „מונחים בקרן זוית״, נישט פאַרשטענדלעך, ווייל מ׳דרינגט נישט אַריין אין דעם תוך, נאָר מ׳שווימט איבער זיי פון אויבן. די ביבל פאָרשער זענען זיך עוסק מיט די חצוניות, נישט מיט די פנימיות פון ספר. אַזוי איז אויך חבד באַוווּסט, אָבער די אינערלעכע תורה איז פאַרלאָזן. מ׳קען זיך דאָ אויסדריקן מיט דעם גאַנץ אַלטן תלמודישן וואָרט „הלואי אותי עזבו ותורתי שמרו־המאור שבה מחזירן למוטב״. יאָ, זי ווייסט, אַז ס׳איז אומפאַרמיידלעך צו ענדערן די נאַטור, אָבער ס׳ווערט אָנגעוויזן, אַז דער מענטש קען דאָך זיין אַנדערש, ס׳קען אָפּגעשאַפט ווערן די אומצופרידנקייט און די פינסטערניש פון דער וועלט בכלל און פון די יידן בפרט, אויב דער מענטש פאַרשטייט נאָר די סודות הבריאה. ווי אַן אַלטער חסיד האָט געטייטשט „וידעת ה׳ והשבות אל לבבך״, ווען דו וועסט פאַרשטיין גאָט וועסטו באַרואיקן דיין האַרץ, ווי „בשובה ונחת״.

חבד׳ס השקפה איז, אַז „שלמות אלהות״ איז אין דער גאַנצער וועלט, אין וועזן, אין דעם גאַנצן קאָסמאָס, און אין דעם מענטשן בכלל. אַלעס איז אַ „חלק אלהי ממעל״ — און דער גאַנצער וועלט טומל איז נישט נאָר אַ גורם די פיזישע תנאים אַליין, נאָר אויך די מעטאַפיזישע מאָמענטן. אַזוי אויך דער מענטש, אויף אים ווירקט נישט נאָר די צירקולאַציע פון זיין בלוט, נייערט אויך זיין גייסטיקע, הייליקע באַציאונג צו די זאַכן; זיין באַוווּסטזיין וועגן זיך, אַז ער האָט אַ מיסיע, אַז ער דאַרף ווערן בעסער פון טאָג צו טאָג, און דאַרף זיך אויסבעסערן צו העכערע אויפגאַבן.

דער יסוד אין תורת חבד איז „דעת עצמך מבשרי אחזה אלוה״ און די נשמה געפינט זיך אין טיפער בענקשאַפט נאָך עפּעס גייסטיקס און שענעס, און פריילעכס. אָבער די נשמה איז פאַרוועבט מיט מאַטעריאַלן אינם פאַרדאַרבענעם קערפער און דאָס רייצט אויף די נשמה און מאַכט מעלאַנכאָליש. דערפאַר דאַרף דער דענקענדיקער מענטש אַריינדרינגען אין דעם תוך פון די ערדישע זאַכן און ער וועט געפינען, אַז זיי זענען אַן אָפּשפּיגלונג פונם גייסט, „זה לעומת זה״, אָבער ניט כנגד. מיט דעם געדאַנק גיט חבד צו פאַרשטיין די אַלטע און טיפע פילאָסאָפיע איבער וועלכער ס׳האָבן זיך די קעפּ געבראָכן אַ סך פילאָסאָפן; איך מיין דאָ די פאַנטאַזיע פּראָבלעמען, און די זעלבסטשטענדיקייט פון גאָט. „אַלעס איז גאָט, אָבער גאָט איז ניט אַלעס״. דאָס איז איינס פון די פילאָסאָפישע שפּריכווערטער, וואָס שיינט אַרויס פון חבד. דאָס ווערט דערקלערט מיט אַ סך משלים, ווייל מיט איין משל קען דאָס נישט דערקלערט



ווערן. ס׳ווערט גענומען פאַר אַ סימבאָל דאָס ליכט פון דער זון און דאָס ליכט פון נפש, זיי שיינען אומעטום, אַזוי אויך די געטלעכקייט, זי רוט און באַלייכט אַלעס. אָבער די גאָטהייט איז ניט מקבל קיין שום שנוי פון די פאַרשידענע דערשיינונגען און קאָלירן, וואָס הערשן אין דער וועלט און אין לעבן.

חבד האָט געשאַפן אויסדרוקן פאַר די נשמה־געפילן. יעדע באַוועגונג פון דער נשמה האָט אַ נאָמען, אַבסאָלוטער רצון (רצון מוחלט) און אַפּריאָרי רצון (רצון קדום) צענטראַל מחשבה, מחשבה כללית; אותיות מחשבה, אותיות השכל, אותיות הדבר. גרויסע אותיות, קליינע אותיות, „אתוון רברבין ואתוון זעירין״, געשטאַלטן, פּרצופים, ספירות, היכלות. ווען מען שטודירט צום ביישפּיל ספרי חבד לקוטי תורה, לקוטי באורים, ביחוד שער היחוד, ווערט מען פאַרוווּנדערט פון די געזונטע געדאַנקען מיט די מאָדנע אויסדרוקן. אין מיטן דרינגען פון אַ טשיקאַווע סגנון, וואָס האָט געהערט אין יענער צייט, איז באַשאַפן געוואָרן אַ פילאָסאָפישער אייגנטימלעכער סגנון, וואָס באַדעקט מיט אַ פיינער שפּראַך די העכסטע געדאַנקען.

„ומבשרי אחזה אלוהי״ ווען דו ווילסט פאַרשטיין די גאָטהייט מוזט דו פריער זיך שטודירן, „דע את עצמך״ איז דער מאָטיוו פון חבד. מ׳מוז אַריינקוקן אין די אינעווייניקסטע, ריינע געפילן פון זיך זעלבסט. דער טיפער איך, איז שטענדיק פאַרבונדן מיט אַ שטאַרקער בענקשאַפט נאָך גייסטיקייט; דאָרטן טיף אין דעם מענטשנס נשמה שיינט דאָס ליכט פון גאָט. דאָרטן ליגט דאָס באַוווּסטזיין וועגן דער נישטיקייט פון עשירות און פון מאַכט. די אַלטע פראַנצויזישע פילאָסאָפיע, פונקט ווי דער חבד׳איזם זאָגט — פריי זיך נישט ווען דו וועסט אַ מלך ווערן, אַ הערשער פון דער וועלט, נישטיק איז די וועלט; טרויער נישט ווען דו וועסט די מאַכט איבער דער וועלט פאַרלירן; נישטיק איז די גאַנצע וועלט. זאָל די וועלט אונטערגיין מיט איר נחת און מיט איר צער; וויין ניט, נישטיק איז די גאַנצע וועלט. בטול היש פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין חבד.

דער מענטש דענקט, דער מענטש טוט. ווער האָט בכלל מעורר געווען צו דענקען און צו טאָן, און פאַרוואָס דווקא דעם געדאַנק און ניט אַן אַנדערן, די פעולה און ניט אַ צווייטע. און וואָס איז דער יסוד פון אַלע מחשבות און פעולות. ווער טרייבט און ווער יאָגט? חבד זאָגט, אַז דאָס איז אַן אינעווייניקסטער רצון, אַן עונג נפש. דאָס איז די אַנטפּלעקונג פון טיפע נשמה געפילן. „ממעמקים קראתיך״. דאָס איז פאַרהוילן גאַנץ ווייט אין דער נשמה. נשמת האדם איז שטיל, ווי אַ מוזיק, וואָס קומט פון דער ווייט. „קול דממה דקה״, ס׳איז ווי די שטילקייט פון הימל אין מיטן דער נאַכט. דאַכט זיך „אין אומר ואין דברים״, אָבער, „בכל הארץ יוצא קולם״. קודם כל, קומט דיר צוריק אַ צופרידנקייט, ווי געוואויר ווערנדיק, אַז עפּעס וועט געשען. דאָס איז נאָך אַ מחשבה ערטילאית, דו ווייסט ניט וואָס. שטיל פאַרהוילן פון דעם סוף מעשה. און אַזוי שטיל און פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, שטילער און נידריקער אַנטוויקלט זיך

די מחשבה און באגעגנט זיך מיט נאָך אַ מחשבה, און די מחשבות זענען זיך מזוג. „מחשבת גוררת מחשבה“. און אַזוי ווערן פיל מחשבות אין זיך, און מער גאָרניט. אָבער עס קומט אַ צייט ווען דער גאַנצער חלל פונם מענטשן איז שוין פול, דאַן ווערט דער שטאַרקער ווילן, די פאַרקערפּערונג, די מחשבה, און דאַן ווערט דער מענטש עפּעס אומרואיק, ער פילט אומרואיקייט און ניט צופרידנקייט. דאָס קומט פון זיך אַליין. ער פילט, אַז עפּעס קומט און ער ווייס ניט וואָס. ס׳דאַכט זיך אים, אַז ער וויל גאָרניט, און אין דער זעלבער צייט מאָנט אים עפּעס. ער פילט זיך, אַז ער איז אי שולדיק, אי גערעכט. דאַן נעמט ער זיך שטודירן, צו דערקענען זיך, און זיך צו פאַרשטיין, און ער שרעקט זיך אַליין פאַר זיך. ער פרעגט זיך, וואָס איז געשען. וואָס וויל איך, און וואָס האָב איך ניט דערגרייכט. נאָך וואָס יאָג איך זיך, און וואָס וויל איך כאַפּן? איוב זאָגט: — ס׳גנבעט זיך מיר אַריין אַ גייסט, אַ וואָרט, מיין אויער הערט עפּעס אינם נאָכדענקען פון נעכטלעכע דערשיינונגען, אין דער צייט ווען אויפן מענטשן ליגט אַ טיפער שלאָף. דאָ כאַפּט מיך אַרום שרעק און איבער מיינע ביינער גייט דורך אַ שוידער, אַ ציטער... אַ גייסט שוועבט פאַר מיר פאַרביי... מיינע האָר שטעלן זיך קאַפּויער, ווי אַן אומבאַקאַנטע געשטאַלט אין פאָרם פון אַ בילד וואָלט געשטאַנען פאַר מיינע אויגן — ס׳איז דאַכט זיך שטיל און דאָך הער איך אַ שטימע...

שטום און שטיל איז דער אָנהויב; דאַן ווי אַ ווינטל פאַר אַ ספק־שטורם הויבט זיך אָן אומבאַמערקט און נעמט וואַקסן און ווערן גרעסער און וואָס ווייטער בלאָזט דאָס שטאַרקער און שלאָגט זיך צו אַפילו צו פאַרשלאָסענע טירן און טויערן; אַזוי וואַקסט דער שטילער און שטומער געדאַנק און נעמט אַרום אַלעס — „כל עצמותי תאמרנה“, אָבער ס׳איז נאָך אַלץ ניט קלאָר דער ריינער געדאַנק, ווייל דאָס זענען געדאַנקען אָן לשון, אָן מעשים. מ׳ווייסט, אַז עפּעס וועט געשען, און פּלוצים אַ מאָמענט און ס׳ווערט אַלעס קלאָר. ס׳דערפילט זיך אַליין, מ׳דערפילט דעם מענטש אין זיך; מען דערפילט די געטלעכקייט פון דער נשמה און פון דער אייגענער יצירה און מ׳ווערט פריילעך און לעבעדיק. ער ווערט דבוק צו ה׳ „ואתם הדבקים ב״ה חיים כלכם היום“... דאַן באַקומט דער תהו ובהו פון אַלע מחשבות ערטילאות „כסופים“ אין געשטאַלט און נעמט אָן פאַרב. צו די אַלע גולען ווערט צוגעשטעלט איין איינס, און אחד הערט זיך בכל העולם.

דאָ איז ניט דאָס אָרט זיך אָפּצוגעבן מיט חקירות וועגן אַלע גרויסע רעיונות וואָס געפינען זיך אין חבד, אָבער ס׳איז אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז די דערשיינונג חבד איז געקומען אין אַ צייט פון אַבערגלויבנס. פון דורות סריסים, אין צייטן עקרות, אין אַ לעבן אָן אַן אינהאַלט, אָן מעשים, אָן ממשות. רעיונות, וואָס האָבן געבליצט און זענען נישט געוואָרן, און זענען פאַרגאַנגען. ס׳איז צו באַוואונדערן, ווי אַזוי ס׳האָט ביי אונז אין אַזאַ צייט געקאָנט אויסוואַקסן אַזאַ מחשבה, ביי אונז אַ פאָלק אין אַ גלות „המר והנמהר“, וואָס איז געווען איינגעשמידט אין גלות קייטן און פאַר׳משפט יעדן טאָג צו שאַנד און



צו שפּאָט, אַ פאָלק מיט אַ גורל פון יאוש און ווייטאָג. און פּלוצים זאָל אויסוואַקסן אַזאַ רעיון פון אַ מחשבה. מ׳דאַרף זיך אַליין דערקענען, וועט מען גאָט ליב האָבן, דאָס איז דער גרויסער כוח פון חבד.

דער יידישער גלעזער פון אַמסטערדאַם „ברוך“ האָט אויך געשעפּט פון דעם זעלבן קוואַל די ריינע וואַסערן פון קבלה רעיונות. אָבער די וועגן צוצוקומען צו דעם זיינען פאַרשידענע. שפּינאָזאַ הויבט אָן מיט דעם, און לאָזט אויס מיט אונטערוועגן און זייטן־וועגן אין וועלכע מ׳פאַרלירט דעם טייטפינגער פונם ציל, דערפאַר בלייבט מען אין מיטן „נבוך“. ביי אַנדערע ווידער קומט דאָס אויס אינגאַנצן אַ שפּיל, אַ חוזק. חבד אָבער האָט באַשאַפן אַ קו הישר, אַזאַ אמונה, וואָס לאָזט ניט אַראָפּגיין פונם וועג. ס׳קען אפשר אויסזען מיסטיש, אבער ווען מיר דרינגען טיף אריין אין דער שטה טרעפן מיר, אז אין חב״ד שפּיגלען זיך אויך אפ געדאנקען פון קאנט און שאָפּענהויער, נאר העכער און שטאַרקער, פריילעכער און אמת׳ער. שטודירנדיק די פארשידענע ספרי חבד ווערן מיר פאר׳כשפ׳ט פון די פרעכטיקע געדאנקען אפילו איבער דעם צער פון דער וועלט און פון דעם צער פון מענטש. קען דען א מענטש זיין אין לעבן אָן טרויער? איז דאס ניט די טייערסטע פּריווילעגיע צו שטיין אין דעם תהום פון צער און קוקן דעם אמת גלייך אין די אויגן אריין. וואס טרויעריקער ס׳איז די וועלט אַלץ שענער איז זי. נעמט אוועק די טרויעריקייט און די פינסטערניש, וועט איר ניט קענען באַגרייפן די ליכטיקייט און די פריילעכקייט. אין „זוהר“ טרעפן מיר דעם וואונדערבאַרן שטילן און דייטלעכן אויסדרוק „אלמלא חשוכא לא אשמודע נהורא“.

ס׳איז אין דער גאנצער וועלט נישט פאראן קיין אין פילאָסאָף, וואָס זאָל אַזוי אומענדלעך פארשטיין די אומענדלעכקייט, און דערפילן די געטלעכקייט, ווי חבד. ס׳זענען זיכער פאראן אין דער וועלט גרויסע מחות, וואס קענען אויך באנעמען, אבער אפט פלאצן זיי און זיי פארטויבן אונז מיט זייער משונה׳דיקן ריטשען און ריטשען, מיט זייער אייביקן געשריי — ס׳איז דא אַ גאָט, ס׳איז נישטא קיין גאָט... אייביקער גוואלד, אייביקע שגעונות. חבד׳איזם איז ניט געפולדער — וואָס ס׳דאַרף געשען, זאל געשען. רואיק און גאלע רו, לערנט חבד. מ׳מוז זיך פארשטיין; דאס ריכטיקע פארשטיין איז איסגעקריצט אין דעם מענטשנס נשמה מיט אש לבנה אותיות.

יאָ, חבד גיט נישט קיין געאָמעטרישע תשובות און האט ניט די באזיס פון וויסנשאפט, ס׳איז אפשר אויך ניט פאראן קיין אנאליז פון ריינער קריטיק, און אפשר פעלט איר די טעכניק, ווי מ׳רופט דאס היינט, אבער ווען מ׳קוקט זיך צו צו די טיפע רעיונות, קען מען ניט לייקענען, אז די שטה צייכנט זיך אויס מיט הויכע, הייליקע און אריגינעלע השקפות אין וועלכע ס׳ליגט גרויסע שאיפות קדושות, און גאנץ ריינע מחשבות, וואס דערהויבן צו אמת׳ער שירה נשגבה און וואָס האט רייך געמאכט די מחשבת האדם, אין דערהויבעניש צו געפונען א תיקון אין חיי אדם.

# א. נ. שטענצל

## אין ערשטן היי שניט

1

די גוטסקייט פון דער ערד ווייך צו שפירן אין טריט,
איר מאמעדיקע צאַרטקייט מיט הענט אָפּילן;
אַזוי פּאַכעדיק אָטעמדיק, וואַרעם און נאָנט —
אַ קינד אויף טאַטנס שויס מיט זיין באָרד זיך שפּילן.

די יונגע גלאַנציקייט, די פרישקייט וואָס גייט אויף,
אין אלע גלידער דאָס באַרויקטע זאַטע,
באַוועגנדיקע פינגער, נערוועזע שטילע,
אין מארע־זיידן־האר, צעפּלאכטענע גלאטע.

צי קאָן דען נאָך זיין עפּעס נידריקער פון גראָז?
אָ, דער חן און דער שטאָלץ פון אַ צייטיק גרעזל!
מען ווייסט נישט פון ווו, פון ערגעץ־ווו אנטלאָפן,
און ליגן באהאלטן אַ דערשראָקן העזל — —

מיטן אויער אַזוי נאָנט שטיל צוגעפאַלן,
די טרייסט פון קומענדיקע דורות צו הערן;
יענעם גרויסן חסד צו קענען דערפילן,
א טייל פון דער שטילער ערד אמאל צו ווערן.

2

איך שפיר נישט מער דעם ריח פון פריש־געקאַשעט היי —
ס'גייט אויף אַזאַ שארפקייט אויף טוי־פייכטע אויגן!
עס זיינען די קופּעס אַש פון די מיליאָנען,
די שטויביקע צוזאַמגעשארטע היי־סטויגן.

דער ויידענער שאָרך פון דעם נאָך שטייענדיקן,
עס צעוויגט מיין הארץ מיט אלע זייבע ווינדן;
ווי ס'יונגע גראָז, וואָס שטייט פריש פאר די אויגן,
גייט אויף אין מיר, וואָס פארשניטן און פארשוונדן.

ס'פאַלט די זון פארמאטערט אין וועג אויף די סטויגן,
זיי ציען זיך שטויביק אומענדלעכע מיילן,
און די ליפּעס אין מיטן, שפּע'דיק צעבליט,
זיי קאָנען אַ צעווייטיקט הארץ נישט מער היילן.

און אַז איך וועל מיך אויפכאַפּן נאָך־פרימאָרגן?
עס וועט דאָך מיין הארץ אינמיטן וועג אויססאָפּן!



צי קען מען מיט אַ וויעכעטש היי דען פארשטאָפּן,
אַן אָפענע וונד, וואָס הערט נישט אויף צו טראָפּן.

3

ווען ס'האָט די באָבע איר ליפּאָווע טיי געקאָכט,
איז די שטוב אַ צעבליטע ליפּע געוועזן,
אַ לאָנקע מיט גראָזנדיקע שעפּסן סטאַדעס,
פון טייטש־חומש אַרויס — אַרויסגעלעזן.

דעם רבינו בחיי'ס פוקסן צו טרייבן,
מיטן כוח פון דער באָבען נאָר ס'איז געלונגען!
און מיט ציגעלע אונטער יעקבס וויגעלע,
ביז אויף שול־דאָך אַרויף כ'בין געשפּרונגען — — —

ווי דעמלט אונטער פאַרטוך פון מיין באָבען,
איינצואָטעמען אין מיר די ליפּאָווע צוויטן,
זיץ איך אונטער ליפּע־בוים איינגעקאָרטשעט,
און אָטעם אַלץ מיט פאַרשוונדן און פארשניטן.

נאָר דער געזאַנג פון אירע אור־אור־אייניקלעך,
פון קיבוץ ערגעץ צווישן מאַנדלען און טרויבן,
צווישן שעפּסן אין די גרינע גליל־טאָלן,
טוט אַ ביסל דעם אַש־קורזש פון גראָז אָפּשטויבן.

4

„גראָז איז דער מענטש", ציטערן מיינע הענט אין גראָז,
עס אַרויסצורייסן, הינטער מיר צו וואַרפן,
נאָר אין מיין האַרץ ציטערט אויף אַ בליציקע פרייד,
ווען פונדערווייטן איך הער אַ קאָסע שאַרפן:

יאָ, וואָלף און לאָם וועלן זיך פּיטערן צוזאַם,
וואָר וועלן ווערן די נביאישע ווערטער,
פאַר אַלעמענס אויגן ווערט דאָך מקוים איצט,
דער געטלעכער צוזאָג, דער אייביק באַשערטער.

און דאָס אור־אור־אייניקל פון די פאַרקוילטע,
וואָס אויף שטויב און ווינט צעבלאָזן זייער אַש איז,
וועט דאָס פּיטערן צוזאַם דעם וואָלף מיטן לאָם,
אויף מיילן ווייטע לאָנקעס און פעטע פּאַשעס.

די אור־אור־אייניקלעך פון די געקוילעטע,
וועלן דאָס ציען די שווערדן פון די שיידן,

נישט נאָר די בלוטיקע נקמה צו נעמען —
די קאַסעס אויסצוקאָווען, די זשניווע צו שניידן.

5

דאָס גרין אין די צעוואַקסענע אויגן מיינע,
דערמלט ווען כ'האָב אין גראָז קלאָווערלעך געקליבן,
אַ שפּרינג־פערדל אין די גרעזער כ'בין געשפּרונגען,
פּיסל אין פּיסל מיט די גרילן געריבן.

פון „משוגע־ און „גענזנבלימל“ אינם גראָז,
האָט מיין שוועסטער קרענצלעך פאַר מיין קאָפּ געפלאָכטן,
איצט זע איך איר אַש איבערן גראָז צעשאָטן,
די בלימלעך — געטריף פון געקוילעטס, געשאָכטן.

און יענער תאוהדיקער געזאַנג אין מיין בלוט,
ווען כ'האָב געפּאַקט דאָס היי אויף דראַבינע וועגן,
אויף יעדן גאָפּל אַרויף, אַ דערלאַנגטן,
אַ האַרץ, אַ צעצאַפּלטס, איז דערויף געלעגן.

די קרענץ אַרום מיין קאָפּ, וואָס פלעכטן זיך אַצינד,
ווען עס וואָלט זיי ווער ווי ווערטער געקאָנט לעזן!
אָ, יענע „משוגע־בלימלעך“ אין פרישן גראָז — — —
און דו, ביזט מיר דען נישט אַ שוועסטער געוועזן?

6

דער האַרבער ריח פון פריש צעבליטן קלאָווער,
און דאָס גליק אַ פיר־בלעטערדיקס צו געפינען — —
אין אַן אַקאַרשט געקאַשעטע, אַ קופּע היי,
אין איין האַרץ, ס'איז אונזער בלוט אין אונז געראָונען.

דעם פלינקן טאַקט האָט געקלאַפּט אַ גאַנצע נאַכט,
אין שטאַל אַ פערד מיט פריש געקאָוועטע טלאָען,
אַ געהירזשע האָט זיך געריסן פון אַ קייט —
אין דער פינסטערניש אונזער תאוה שגעון.

נישט צו פאַרשלאָפן אַ רגע פון אַזאַ נאַכט,
אונטער פרייען הימל אין היי איינגעגראָבן!
און ווי אין פערדישע נאָזדרעס, צעפּריסקעטע,
אין נאָז פרישע היי בלעטלעך געקיצלט האָבן — —

ס'איז דער הימל אַ קופּע, פריש איבערגעקערט,
גרין־שמעקנדיקער, היי־געקאָשעטער פרילינג;
אין צעפינקלטן קלאָווער, פיר־בלעטערדיקן,
ליגט אַ צעגליטער דער „מזל תאומים“־צווילינג.



7

האָב איך מיך דאָס אַזוי אויף קול הילכיק צעלאַכט,
אָדער עמיצער ווער — פון מיר אַ צעלאַכטער?
אינמיטן דרימל פון אַ לאַך איבעריסן,
חלומט זיך מיר עס ווייטער, אַן אויפגעוואַכטער?

— אַריינגעאַרן אַ פּויער אין מקווה אריין
ס'איז רב הערשעלע אָסטראָפּאָלער געלונגען!
אָדער איז עס אפשר אַ פּויערטע געווען,
זי אַהינצופירן זי האָט אים געצוווּנגען?

פון אַלע אירע לאַנקעס, פריש געקאָשעטע,
האָט זי זיך גאָר פאַרשמעקט דעם היי פונם סידור!
פון אַלע שוואַלבן אויפן היי־בוידעם־שייער,
זיך רק צוהערן צום לאַך פון מיינע לידער — — —

עס איז דער קוקו פון דער גרויער בזשאָזע דאָרט,
אָדער פון דער ליפּע דאָס פּאָרל לאַך־טויבן?
פול בין איך מיט די ריחות פון פרישן היי־שניט,
און ווי געלעגן כ'וואָלט אויף היי־בוידעם אויבן — —

8

ס'וואַקסט דאָך נאָכדעם שוואַכלעכער ווידערוווּקס נאָך בלויז,
ווען ערשטער היי איז געשניטן שוין געוואָרן;
שטילשטייענדיק טייכל פול גרינעם ווידערשיין,
איז דאָך האַרץ דערמלט, ווען ס'זויגט בלויז פון זכרון.

אַ גרויע גויע אויף היי־גאָפּל געבויגן,
די האָר ווינט־צעפלאָשעט, צעפּאַסמעט אין פלאָקסן,
שטייט מיט זשאַבע־אויגן אַ גרילציקע בזשאָזע,
איבער טייכל מיט גרינעם שימל באַוואַקסן:

„דאָס לעצטע געוויקסל אַרויס רייס פון האַרצן
און וואַרפס הינטער דיר מיט טרויעריקן געפּליסטער
און וואָרט פאַר וואָרט נאָך זאָג מיר דייטלעך און ביטער:
איז פאַרוויסט דאָס לעבן זאָל מיינס זיין נאָך וויסטער“ — —
— — — — — — — — — — —

אין קופּע היי פון שאַרפן ריח אַ באַרווישטער,
אַלץ טיפער פאַל איך און גאַנץ שוין שיעור פאַרלוירן,
נאָר מיין טאַטנס באָרד און וואָנסעס קיצלען מיך וואָך,
ווי היי־פעדעמלעך וואָס קריכן אין די אוירן.

## א. מ. פוקס

# טונקלע טעג

(דערציילונג)

(המשך)

דער געדעמפּטער טומעל האָט זיך שווער געקנוילט מיט בלינד־געטונקלטן גליווער, ווי א בלייערנע כמארע, וואס האט וויסט געהויערט אין די צערייכערטע גמינע־ווינקלען און שאטנדיק געבלייכט די בלויזע, ווי פלאַקסבלאָנדע קעפּ פון אַ קופּע רוטענער שקצים, צעגויפגעטריבענע צום שטעלונג פאַר דער פוילישער אַסענטירונג קאָמיסיע. ווי אין דער טיפעניש אונטער אַ גרינלעכן וואַסער האָבן זיי צעגויפגעדרענגט געוואָרפן מיט די הענט, פריילעך געגוגערט מיט די טעמפּע, עקיג געריוטעלטע פּנימער, ווי אויסגעשמירטע מיט בלוט, געקנאַקט דיניקערלעך פון די קעשענעס, געשפּיגן מיט וויטן שפּריץ דורך די ציין, געפייפט מיט די לעפצן, צעהיצט געקהלט זיך וועגן זייער פּאָליטיקע און לאַכנדיק מיט צעהירזשעטע קולות, געשיט מיט צעווערטלטן ניבולפה, לויט זייער זאַפטיק פאַרגרעבטן פּויערישן שטייגער און געפינענדיק זיך פלוצים אַזוי נאָנט מיטן געזעמל וואַרטנדיקע ייִדן, האָבן זיי דערווייל פאַרגעסן די אייגענע מפּלה, שנאַהדיק־צערייצט געווונקען איינער צום אַנדערן מיט בייזע בלאָע אויגן, האַרטע, ווי פאַרשטאָכענע מיט בלאָטערס און געשפּעט:

— איי וואַי, זשידי כאַלאַמידי, ארויס פון אונזער מלוכה, דאַ פּאַלעסטינע. טו נאַר אַ קוק, די לייבסערדאַקעס. כאַ־כאַ־כאַ, זעלנער פאַר די פּאַליאַקן מיט יאַרמולקעס, אַ כאַלערי, אַזוי פיל זשידיס, ציגיינער... אַי וואַי, מוישע קוישע, כייקעלע פּייקעלע... פּעטליורע גייט, באַטקאָ פּעטליורע, כיק... כיק — און זיי האָבן אַ פּיר געטון אַ פינגער איבערן האַלז, ווי מ׳קוילעט מיט אַ מעסער. דערנאָך האָט מען זיך נענטער גענומען צורוקען, אַ קניפּ געטון דעם אַלטן חנא איצין אין זייט אַז ס׳האָט אים פאַרקלעמט ס׳חיות, אַ שטויס געטון אייזיק דעם שוחטס מיט אַן עלנבויגן, אַרויפגעטרעטן דעם רויטן הערש אויף אַ פוס, אַ האַק געטון מיטן קנאַפּל ישראל־עלין אין קני, אַז ער איז בלאַס געוואָרן פון ווייטיק, אַ וואָרף געטון אומיסטן איינער דעם אַנדערן אויף זאַנוועלע פּויטיקע, שיער נישט אויסהאַקנדיק אים די ציין און אים אַריינגעזאָגט אַ מיאוס וואָרט אין פּיין צעקרימטן פּנים, אַז ער האָט אַזש פאַרמאַכט די אויגן פון ברענענדיקער חרפּה.

די דאָזיקע רוטענער שקצים, האָבן דאָ געהאָט מער זיך וואָס צו שרעקן פאַר די פּוילישע הערשער ווי די ייִדן. וואָרים די מלחמה איז אָנגעגאַנגען צווישן זיי און די פּאַליאַקן, וועגן זייער שטיקל לאַנד, מזרח־גאַליציע, און מען האָט געוווּסט, אַז דאָרט ווו די פּאַליאַקן זענען אַריין אין אַ שטעטל, און פאַרכאַפּט די ממשלה, האָבן זיי זיך מיט די רוטענער שכנים ביטער גערעכנט. די פּאַליאַקן האָבן זיי געכאַפּט און איינגעזעצט אין די תפיסות, גענומען זיי צום



מיליטער, געמאַכט זיי פאַר קנעכט, דערנידריקט און געררודפט. און וועלכער ס׳האָט אַקעגן גערעדט, יענעם האָבן זיי געשלאָגן מכות רצח. ווער ס׳האָט ווידערגעשפּעניקט אַ באַפעל, האָבן זיי אָן שום משפּט אַוועקגעשטעלט אונטער אַ וואַנט און דערשאָסן. דאָס האָבן די רוטענער שקצים אַצינד גוט געוווּסט. פונדעסטוועגן אָבער, האָבן זיי, וואַרטנדיק אויף זייער פּסק, חשק געהאַט דערווייל אַביסל צו פּייניקן ייִדן.

איינער פון זיי, אַ קליינער שגץ, אַ הינקענדיקער, מיט אַ צופּלעטשט נעזל וואָס מיט די צווי פּאַריסענע לעכלעך אין דעם, האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ צינערן קנעפּל, האָט זיך אָפּגעטיילט פון די איבעריקע. ער איז צוגעקומען צום געזעמל ייִדן, געשטאַנען אַביסל ווי פאַרגאַפט און געזוכט עפּעס, מיט זיינע ווייסע, שמאַל־פאַרקרומטע אויגן. ער האָט געפונען שלום־בערס געדעכט־צעקנאָדערטע באָרד. דער ייִד האָט דערזען דעם שגץ׳ס שלעכטן בליק און ער האָט אַ ציטער געטון מיטן קאָפּ, גלייך ווי אַ גיפטיקע פליג וואָלט אים אַ ביס געטון אויפן שפּיץ נאָז. דער שגץ האָט שווייגנדיק און בייז צוגעשמייכלט, פאַרוואָליע אָנגענומען אַ ציפּל האָר פון דעם ייִדס באָרד, מיט איין האַנט, גלייך ווי ער וואָלט זי געוואָלט פריינטלעך אַ גלעט טון. נאָר ער האָט בליץ גיך אַ צי געטון, מיט אַ שטאַרקן ריס. שלום־בער האָט זיך געטון אַ שאָקל און געגעבן אַ קרעכץ און ביים שגץ איז דער ציפּל גראָע האָר געבליבן אין דער האַנט. ער האָט געהאַלטן אויסגעשטרעקט די האַנט און נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט איר. דערנאָך האָט ער דאָס אויסגעריסענע האָר בינטל אַ וואָרף געטאָן דעם ייִד צוריק אין דער באָרד אַריין און אַ שפּיי געטון אים אין פּנים. ער איז פּאַוואָליע אַוועקגעגאַנגען אונטערגעטענצלט און צוגעפּייפט מיטן מויל זייער צופרידן מיטן שפּיצל וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטון. די גויים האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ הערושענדיק געלעכטער פאַרמישט מיט פריילעכע קוויטשלעך; — אט א ווילער כלאפּעץ, כאַ־כאַ־כאַ, דערלאַנגט דעם זשיד.

שלום־בער האָט אין דער ערשטער רגע נישט באַנומען וואָס דאָ טוט זיך עפּעס. ווי פאַרוווּנדערט האָט ער צוטומעלט געדרייט דעם קאָפּ, מיט שטומען צער געקוקט אין בלייכע פּנימער, גלייך ער וויל עמיץ פרעגן צו ס׳איז טאָקע אמת וואָס מען האָט אים דאָ אָנגעטון? און ערשט אַ טאָפּ טוענדיק מיט דער האַנט די באָרד און דערפילנדיק צווישן די פינגער נאַס בלוט, האָט אין זיין פאַרקלעמט הארץ א ברען געטון די ווייטאָק און די חרפּה, שווער און שטעכיק ווי דער שניט מיט אַ טעמפּ מעסער. פאַרשווידערט מיטן גאַנצן גוף פון גרימיקן פּיין, האָט דער ייִד אַרויסגעלאָזט עפּעס אַ האַלב ווייַנענדיקן און האַלב זינגענדיקן געשריי, מיט א מין פאַרכטיקן ימים־נוראים׳דיקן ניגון, אַז ס׳האָט אַ גרויל געטון אין דער נשמה פון פחד. ער האָט שווער געטרעסעט דעם גראָען קאָפּ מיט דער שוואַרצער יאַרמולקע און אונטערהייבנדיק אַ זייט פון דער צעריסענער באָרד, וואָס האָט אַצינד אויסגעזען ווי אַן אונטערגעפליקטער פליגל פון אַ געיאָגטן פויגל, האָט ער זיך מיט הילכעדיקן געבייזערצעשריגן אויפן שגץ, אין רוטענער לשון און מוראדיק געפּאַכעט מיט א שווער

געביילטן פויסט, ווי אַ שנאַהדיק פאַרהאַקטן סענק אַהין צו דער קופּע גויים:

— העי, דו, חזיר מאַרדע, אַז אַ רוח אין דיין ה.... מאַמען אַריין, דו מיאוסער שרץ, דו גייסט אַן אַלטן יידן רייסן די באָרד? דו ווייסט ווער איך בין? איך בין אַ היגער באַלעבאָס. איך האָב דאָ געלעבט און אָפּגעהאַרעוועט אַלע מיינע יאָרן אין דעם שטעטל. מיין זון פיני, האָט מען צוגענומען אין דער מלחמה אַריין; ער איז געווען אַ בעסערער זעלנער פון דיר, ער האָט מלחמה געהאַלטן פאַרן קייזער און איז געפאַלן טויט אויפן שלאַכטפעלד. און ווער ביסטו עפּעס איינער אַזוינער, דו ממזר גנבל, וואָס גייסט מיר אויסרייסן די באָרד, האַ? אַ דונער וועט דיך דערשלאָגן, דיך און דיין טאַטן. יאַ, יאַ, קום נאָר אַהער, איך צעמאָל דיך דאָ מיט מיינע הענט, כאָטש איך בין אַן אַלטער מאַן און דו ביסט אַ יונגער הונט.

אויף שלום־בערס באַוואַקסענעם האַלז זענען די אָדערן אָנגעלאָפן מיט צעכעסטן בלוט, ווי שוואַרצע שטריק. זיין נאָז איז געווען רויט פון גרימצאָרן ווי אַ פייער־זייל. ער האָט אַרויסגעשטעלט אַ שווער באַשטיוועלטן פוס און אָפּירגעבויגן זיך אַ זאַמירע געטון צום שגץ, שווער און עקיג, ווי אַרויסגעהאַקט אינדערלופטן, מיט יענעם געוואַלטיקן כח ווען ער פלעגט אַמאָל, אין די יינגע יאָרן, אונטערהויבן אַ פערד אין מאַרק, אַרומקלעמענדיק דאָס מיט די דעמבענע הענט, די פינגער אונטערן בויך צונויפגעפלאָכטן. אַ שווערער בהלה שרעק האָט אַ שטויס געטון די צענויפגעדרענגטע קופּע יידן אין ווינקל. מען האָט געמיינט אַז שלום־בער וועט זיך כאַפּן שלאָגן מיט די גויים און ס'האָט ווי אַ פלאַקער אונטערגעטראָגן זיך אָנצונעמען פאַר דעם ייד. דער ערשטער פון די יונגען איז געווען יאָסל, זיין טאָכטערס חתן, וואָס האָט זיך גיך אַ שפּאַר געטון, געשטעלט זיך מיט ווייט געשטרעקטע הענט. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך אַרויסגערוקט זיין ברודער סענדער. אונטער די פּלייצעס איז געוואָרן אַ שווערער געדודער, ווי אין אַ צעשטורעמטן וואַלד. ס'האָט זיך באַוויזן שייקע לייזערס מיט אַן אונטערגעהויבענעם אַקסל ווי אַ געזימס פון אַ מויער. פינצטער און דראָהענדיק האָט זיך אונטערגעהויבן דעם שוואַרצן לייבעס שווערער, באָרדיקער קאָפּ, ווי ביי אַ ביק, גרייט צום גרוילעכן שטויס. משה יאַנקל מיט זיין ברודער נחום און אַלע יונגען, וואָס אויף זייערע פּנימער האָט זיך בלייך און רויט געמאָלט צער און צאָרן, האָבן זיך געשטופּט פאָראויס מיט גרימיק צעפייערטע אויגן און ברומענדיקע קולות ווי אַ צוגעדישעט דונערן. יאָסל מנחמ'ס האָט זיך פאַוואַליע גענענטערט צום הינקענדיקן שגץ. דער יונג האָט אויף אים גרימיק אַ נויג געטון זיין שאַרף אויסגעצוימט קנעכערן פּנים און דערלאַנגט אים אַזאַ גיכן זעץ מיטן קולאַק צווישן די אויגן, אַז יענער איז אוועקגעפאַלן ווי אַ קלאָץ צו דער ערד. ס'האָט זיך ווי אַ צעשטורעמטע בערע אַ הויב געטון אַ טויב צעליאַרעמטער טומל מיט צעקייכט פאַרקנוילטע געשלעגן. אין וויסטן לייבער געפּלעכט האָבן די גויים צעקווישעט געשריגן, ווילד געריסן זיך צו די יידן מיט רויט־צעכעס'טע פּרצופים. די יידן האָבן געפּאָכעט צו זיי מיט די געביילטע פויסטן, די בערד פאַרקנאַ־



דערט, האַרט ווי אייזן און ס'האָבן זיך שנאַהדיק־צעפּלאָמט געטראָגן די קולות און זלזולים:

— זשידי פאַרשאָלטענע, אַלע אויסקוילען. — עשו גנב, וועסט האָבן אַ פינצטערע מפּלה. — אין דיין געפּגרטן טאַטן אַריין. — אין דיין ה... מאַמען אַריין — המנס אויער — חזירישע מאָרדע. — ייד ציגיינער — חם סראַק — ס'האָט אַ הילך געטון אין צעברויזטן טומל אַריין דער געשריי פונם פּוילישן קאָמאַנדיר מיט אַ שאָס פון זיין פּיסטויל איבער די מענטשן־קעפּ צו דער סטעלי:

— שטיל זאָל זיין, פּסיאַקרעוו! כ'וועל הייסן אייך אַלעמען דערשיסן. צו דער כאָלערע! ציכאָ־אָ־אָ!

די פּוילישע וואָך זעלנער האָבן צוריקגעשטופּט די געזעמל פון גויים און יידן, געהאַקט מיט די קאָלבעס פון די ביקסן אין זייערע פּלייצעס, איבער די הענט און פיס און קוים איינגעשטילט די צעכעסט צעפּלאָטערטע און ענג פאַרקנוילטע קופּעס מענטשן.

— נו, יהודים, צו וואָס טויג דאָס, האַ? איר ווילט אייך טאַקע דאָ קריגן מיט די דבר אחרס? — האָט שטיל געמורמלט זאַנוועלע פּויטיקע מיט זיין ווייכן רואיקן קול — בעסער מאַכט אַ שווייג און שלינגט אַראָפּ. ס'איז נישט אַמאָליקע ציַיטן ביים קייזער פראַנץ יאָזעף... טוט נאָר אַ קוק זייער בייזע גבורה, מיט די ביקסן און שפּיזן. וואָס וועט מען פּועלן? איר ווילט חלילה פאַראומגליקן אַ שטאָט?

— אָך, אָך. ערגעץ אַנדערש איז מיט יידן נאָך ערגער. די רוצחים מאַכן פּאָגראָמען. — האָט חנא־איצע דער מלמד אַ טיפן זיפץ געטון.

— יאָ, יאָ, מ'איז היינט אין עשו'ס הענט — האָט ישראל־עלי געביטערט בלייך, פאַרקרומט און צעשויבערט.

— נו, נו, מ'האָט שוין געהערט די מעשה. מ'טאָר זיך נישט לאָזן שפּייען אין פּנים. מ'דאַרף די כאַמעס ברעכן אַ ביין — האָבן צעהיצט שרייענדיק געטענה'ט די יונגען זייערס און נישט געקאָנט זיך באַרואיקן און שוין איינגעשטילט אַביסל, נאָך אַלץ געזאָטן מיט כעס און נקמה דורשט אין אַלע.

דערווייל איז דאָרט אויבנאָן ביים טיש פון דער קאָמיסיע ווייטער אָנגעגאַנגען דאָס שטעלונג. די נאַקעטע לאַנגע לייבער פון די רוטענער שקצים האָבן זיך נעפּלדיק געוויסט אין צערייכערטן טונקל, ווי די בערעזענע ביימער פון זייערע ווייטע פעלדוועגן אין זומערדיקן אָונט־שאָטן.

די פּאַליאַקן, ערשט נעכטן אַליין דערנידריקטע קנעכט פון פאַרהאַסטע הערשער, האָבן שוין היינט באַפרייטע שטאָלצע פּריצים געהערשט מיט דער זעלבער אכזריות פון זייערע נעכטיקע האַרן. פינצטערע, בלוטדורשטיקע בליקן, האָבן געשפּילט צווישן די שונאים, וואָס זענען געשטאַנען פּנים אל פּנים. אַלע האָבן זיי אַצינד געהאַט די זעלביקע בייזע גראָע אויגן ווי די וועלף פון זייערע טיפע וועלדער, די געשפּיצטע באַקן ביינער געריטלט מיט אַ פּעס גלאַנצל פון זעט און עשירות. בלויז די וואַנצעס זענען ביי די עלטערע גויים

געווען אַנדערש; די פּאַליאַקן האָבן זיי געטראָגן גוהדיק אַרויפגעדרייט אונטער דער נאָז, ווי הערנער, און די רוטענער אַראָפּגעלאָזן איבער די מוילווינקלען, ווי צעפלאָכטענע צעפּ, בלאָנד ווי דאָס שטרוי פון זייערע פעלדער.

— פעטרי באַלאַטשין, אהער גיי! — האָט אַ שנייד געטון דער רוף פון א נאמען, וואס טוט א גרים מיט אַ שרעק קעלטל אין האַרץ צו הערן באַלד אויסרופן דעם אייגענעם נאָמען אין קלעם פון דער פּיין. דער הינקענדיקער שגץ, דער זעלביקער וואָס האָט ערשט נאָר וואָס פון גרויס גדולה אַ פליק געטון שלום־בערס באָרד, איז צוגעגאַנגען אַ נאַקעטער צום טיש.

דער פּוילישער קאָמאַנדיר טוט דאָרט גריילעך אַ פרעג דעם רוטענער שגץ אין פּוילישן לשון:

— וו ביזטו געווען נעכטן? פאַרוואָס האָסטו זיך נישט געשטעלט צו די זעלנער?

— יאַ ביל סלאַביי, (איך בין געווען קראַנק) — ענטפערט אים יענער אין זיין אייגן אוקראַינער לשון.

אַ האַנט האָט זיך גיך אַ הויב געטון, אַ קורצער געפלאָכטענער לעדערנער בייטש האָט שאַרף אַ פייף געטון אין דער לופטן, איבערלאָזנדיק איבערן שגץ'ס פּנים, איבערן האַלז, איבער דער ברוסט, ביז אַראָפּ אויפן נאַקעטן בויך, אַ בלאָע בלוטיק אָנגעלאָפענע קישקע פון צעשונדענער הויט. דער שגץ האָט אַ הייזעריקן און ווי פאַרחידושטן קוויטשל געטון: — אָר־וואָ־אַ־ אַ יאַקזשע... שטא קאזאטע (וואס זאל ער זאגן).

דער אָפיציר האָט ווידער געפרעגט די זעלבע שאלה, אין פּויליש לשון, מיט אַ מוראדיקן גליווער אין זיין גיפטיקער רואיקייט:

— גדזיע טו ביל? (וואו ביסטו געווען?)

— יאַ ביל סלאַביי.

ווידער האָט די בייטש אַ פייף געטון מיט נאָך שטאַרקערן שמייס אויפן שגץ'ס צווייטן העלפט פּנים, ביז איבערן אויבערשטן האַלבן גוף, מיט שניידיקן לאַנגן פּאַס ווי אַ שוואַרצע שלאַנג.

באַדאַרפט האָט ער זאָגן דעם זעלבן תירוץ נאָר אין פּוילישן לשון: „יאַ ביל כאָרי“. (איך בין געווען קראַנק). אין אָנהויב האָט ער דאָס נישט פאַרשטאַנען. זיין צעשונדן פּרצוף איז ווי ביי אַ געשלאָגענעם כלב געווען פאַרשפּיצט פון טעמפּן ווייטאָק, אָן שכל. נאָך די דריטע שלעג אָבער, ווען דאָס צעדמטע לייב האָט אים שוין געהיצט ווי אַ שׂרפה איז ער דאָס געוואויר געוואָרן. נאָר צו להכעיס דעם שונא האָט ער נישט געוואָלט דינען דעם פרעמדן גאָט און דוקא געשריגן דעם פּזמון אין זיין אייגענעם לשון און מיט צערייצטער רציחה האָט שוין דער הערשער מיטן בלוטיקן בייטש געקאַטעוועט דעם קרבן. דער געשמיסענער שגץ איז דאָ געשטאַנען אַ צעביילטער, ווי אַ רויטע שמאַטע איז געווען צעפליקט זיין בלוטיק צעשונדן פּרצוף. ער האָט געשריגן מיט פאַרקריצטע ציין פון זיין פאַרקרומטער מאָרדע, וויסט און גרוילעך צעקייכט גערעוועט אָן אַ קול, מוראדיק און פרעמד גענעפלט אין פאַרטונקלט



צערודערטן געזעמל, אָן אָטעם, עפּעס ווי אַ שווער פאַרקנוילטער באַדרענג פון זיין חלום.

איינער נאָכן אַנדערן האָבן די רוטענער פאַרעקשנט נישט געוואָלט ענטפערן אין פּוילישן לשון און איינער נאָכן צווייטן זענען זייערע נאַקעטע לייבער צעשונדן געוואָרן פונם אָפיצירסקן בייטשל וואָס האָט שוין הייס געטריפט פון בלוט און שאַרפער געפייפט איבער די קעפּ מיט אַ גרוילעך קוויטשל, ווי אַ פאַרהאַקטער שטורם־ווינד.

צאַרנדיקע קללות און פאַרדישעטע געשרייען האָבן גרימיק געזעצט פון דעם פינצטערן ווינקל אובנאָן ביים גמינע טיש, וואָס ס'האָט דאָרט ווי אין די טיפענישן פון אָפּגרונט דעמפּ געזאָטן מיט צעפייערטער שנאה, ווי אַ שוואַרצער וואָלקן פון בלוט און כח, צערייכערט מיט ווילדע רציחה קוויילן פון פעלקער וואָס פירן מלחמה.

— טאַקיי ני קאַזאַט (דוקא נישט רעדן אין פּויליש). ווען אַפילו דער פּאַליאַק זאָל דערהרגענען. אַ נעכיי שלאַק טראַפּי. — וואָסי, ס'איז אונזער לאַנד? — האָבן די רוטענער גוים ביז געשפּיגן און געשנייצט די נעזער מיט אַ דולן טרומייטער.

די צעגויפגעדרענגטע עלטערע יידן אין די יאַרמולקעס האָבן אין זייער ווינקל געקוקט אויף דער מאַטערניש מיט בלייכע פּנימער פון פּיין און רחמנות ווי וויל מ'איז שוין פון לאַנג אָן געווען צוגעוווינט צו אַלע פּרעניותן. נאָר זיי האָבן פאָרט נישט געקאָנט דאַ היינט פאַרשטיין די גאַנצע מעשה. חנא־איצי דער מלמד האָט ביטער געשאָקלט מיטן גרייז גרויען קאָפּ און באַקלאָגט די וועלט, אָז ס'איז משיח צייט. דער קראַנקער מנחם האָט זיך שווער צעהוסט פון צער און מעכל דער סטאָליאַר וואָס אים אַליין האָט מען אָפּגעשניטן אַ צעשאָסענע האַנט אין דער מלחמה און דער ליידיקער אַרבעל האָט געשטעקט אין דער קעשענע פון זיין געלאַטעטן ראָק, איז געווען אַצינד בלאַס ווי די געקאַלעכטע וואַנט:

— עך קאָן נישט זען קיין בלוט — האָט ער געזאָגט זייער שטיל — ס'לאָזט זיך מיר אויס ס'חיות. טוט נאָר אַ קוק, אַ שעכט יאַטקע.

זיינע ברעמען בינטן זיינען געווען פאַרצרה'ט צעגויפגעצויגן און די באָרד האָט אַנגסטליך געציטערט. ער און מנחם האָבן זיך שוין גענומען אַרויסרוקן מיט דער דעה, צו גיין בעטן דעם קאָמאַנדיר דאָס ער זאָל רחמנות האָבן אויף מענטשלעכע באַשעפענישן און זיי אויפהערן אַזוי מוראדיק צו פּייניקן. נאָר זאַנוועל פּויטיקע, האָט אונטער די פּלייצעס געוואָרנט מיט זיין שטילן ברייטן ניגון קול:

— יהודים, מישט אייך נישט אין פרעמדע עסקים: איר ווילט כאַפּן א חלק? האָטס אַ נקמה און מאַכטס אַ שוויג. זאָלן זיי זיך אָפּדרייען די קעפּ, וואָס אַרט אייך, אַבי מען פאַרגעסט אונז. ס'זענען אַלע גלייכע רוצחים.

די יונגען אָבער, וואָס זייערע געמיטער זיינען ביי די זעלנער אין די מלחמה־יאָרן, געהאַרטעוועט געוואָרן אין דעם פייער פון לייבליכע יסורים און

געשטאַרקט דעם ווילן פון אייגענקייט. זיינען בלב ונפש געווען ביי דעם עסק; זיי האָבן די רוטענער רעכט געגעבן. זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען דאָס עקשנות אַקעגן שונא. שייקע לייזערס האָט אַפילו צעשמייכלט אַפּירגעטון מיטן דיקן פינגער אונטער דער נאָז און אַרויסגעהויבן די ברייטע ברוסט פון לויטער גבורה און גדלות, ווי אַ פּעלז.

— אַי וואַי, קינדער, — האָט ער געזאָגט אונטערן צינגעל, — הערט איר מעך וואָלט ער באַדאַרפט אַזוי סלאָגן דער כלב, וואָלט עך אים אַריינגעפּאַרן מיטן קולאַק צווישן די אויגן אַז ער וואָלט דערזען די עלטער באָבע זיינע, הערט איר מענצן, עך האָב אַמאָל געפּאַצט אַן אָפיציר. ביי דער מלחמה פראָנט, אין סערביע, האָט ער אויסגעספּיגן צוויי ציין און אָפּגעקרענקט זעכס וואָכן אין ספּיטאָל... כ'האָב אים אויסגעדרייט אַ פוס דעם כלב...

סענדער האָט אים גיך אַ טאַרע געטון, מיט אַ שטויס אין זייט און איבערגעשלאָגן די באַרימערישע רייד:

— זיי שטיל שייקע פּיפּער. לאָמער בעסער זען וואָס ס'טוט זיך עפּעס. אַי וואַי יידן, געוואַלט, כ'האָב מורא מ'וועט אונז נאָך אַלע דאָ היינט גוט אָנברעכן די ביינער אַז ס'וועט גיין אַ רויך. די פּריצים זענען שוין דאָרט באַלד פאַרטיק געוואָרן מיט די רוטענער גויים, אַצינד וועט מען זיך מסתמא נעמען צו אונז. אַ־אָ, ויבא המן, אָט האָסטו שוין דעם אדון מיטן קאַנטשיק. ער קוקט שוין טאַקע אַהער צו מיר... יידן פאָלגט מעך און גרייט באַצייטנס אָן דעם... וועט מען אייך אָנצימבלען וויפיל ס'וועט אריין. יאַ, יאַ, ס'איז טאַקע לא טוב, כ'לעבן... — מאַכט סענדער צעטראָגן, מיט אַ ביטער שמייכעלע פון ווילעדישן אנשטעל.

ס'איז געווען די שאַרף אָנגעצויגענע רגע פון סכנות נפשות, ווען דער גורל שוועבט מיט בלינדער שווערקייט אינדערלופטן, גלייך אַ האַק וואָלט געהאָנגען אויף אַ האָר איבערן קאָפּ און די גאַנצע וועלט איז וויסט אָנגעפּלייצט מיט פאַרהוילענעם פייער, וואָס ברענט די נשמה מיט טעמפּן קלעם און נאָגט ווי אַ גיפטיקער וואָרעם אין דער טונקלער טיפעניש פון פאַרגליווערטן אָטעם מיט גליענדיקן פיין. ווי וויל סענדער איז בטבע נישט געווען קיין פּחדן און דוקא ליב געהאַט דעם מענעריש געהויבענעם רייצגעפיל פון אַוואַנטורעס און סכנות און תמיד געגאַרט צום האַרבן שכר פון ווילערישן באַרימונג, זענען אָבער אַצינד זיינע פריילעך צעוואָרטלטע אויגן געווען גרינלעך געשאַטנט פון עפּעס אַ פאַרבאַרגענעם שרעק נעפּל.

גריילעך באַדרענגט, ווי אין אַ כאַפּ־שטייג, האָט דער יונג מיט אַלע וואַכע חושים, וואָס האָבן פלוצים פאַרשפּיצט געפינקלט אין זיין צעבליצטן בליק, אַצינד געפּלאָנירט, געגישטערט און געזוכט אַן אויסוועג אַנטרונען צו ווערן פון איבריקע יסורים און מעגלעכן טויט, ווי דעמאָלט אויף די פייערדיק־צעדונערטע שלאַכטפעלדער, אונטערן גרוילעך קוויטשיקן האָגל פון פליענדיקע קוילן און צעגליטע אייזן־שפּענער, ווען ער איז געווען אַ זעלנער, אין די פראָנטן פון דער עסטרייכער מלחמה. וואָרים וואָס איז דאָ די קונץ צו ווערן



אַ קאַליקע, צי גאָר איינגאַנצן אָנידערצוליייגן דעם קאָפּ פאַרן רוח'ס וועגן? געהרגעט ווערן קאָן אַ יעדער אָקס און גיין אין ד'ערד אַראַין פאַרזוימט מען קיינמאָל נישט. ווייסעך דאָרט וואָס. די גאַנצע חתונה טויג אויף כפּרות. אַז איינגאַנצן האָט ער, דער קרעפּקע ווילער יונג תמיד האָפערדיק ליב געהאַט זיין געזונט און דאָס לעבן און זיין הארץ האָט כסדר פריידיק געלעכצט צו גענוסן פון זיין יונגשאַפט. ער איז געווען גענייט און געשלעגן, גוט באַהאַוועט אין אַלע שפּיצלעך צו פלוכטן פון געפענגענישן, קריכן דורך שטעכיקע דראָטן, איינצושטעלן דאָס לעבן, כדי צו געווינען די פרייקייט. ס'האָט אים טאַקע תמיד צוגעשפּילט ס'מזל, ער איז ניצול געוואָרן פון אַלע טויט־סכנות און תמיד אַרויסגעדרייט זיך מיט גאַנצע ביינער פון אַלע שווערע באַדרענגען פון זיין געפערלעכן וואַנדעל און געוואַגטע מסחרים און דערצו נאָך אָפט מיט הצלחה.

נאָר וואָס טוסטו אַ שטייגער טאָמער געראָט אַמאָל נישט דער עסק און פאַלסט אַריין גלייך אין דער צרה, און דו מוזט טאַקע אויסשטרעקן די קאָפּיטעס אַז אַ האָן וועט אַפילו קיין קריי נישט טון... קיין קוויטל האָט נאָך קיינער ביי גאָט נישט אַרויסגענומען. סיידן דו וואָגסט נאָך אַמאָל דעם שפּיל מיטן שטן און שטעלסט ווידעראַמאָל איין דעם קאָפּ אין קאָן...

— נו, חברה, וואָס אַ שטייגער טויג מיר דאָ צו שטיין ווי אַ גולם און דאָ וואַרטן ווי אַן אָקס אויפן פריץ מיטן קאַנטשיק אַז ער זאָל מיר צעטרייבערן ס'גראַנשל, האַ? מ'דאַרף זיך בעסער ערגעץ גיכער אַ פאַרע טון און אים אָנפייפן אַ פּגר... לאָזט נאָר מעך...

און נאָך איידער עמיץ האָט צייט געהאַט זיך רעכט אומצוקוקן, האָט זיך שוין דער יונג מיט שטיל שלייכנדיקע טריט, ווי אַ פעלד חיה, שלענגלדיק אַ לאָז געטון צו דער טיר. דאָרט טוט ער זיך גענייט אַ דריי און ווי נישט אומיסטן דערלאַנגט ער אַזאַ שטאַרקן שטויס מיטן אויסגעשפּיצטן עלענבויגן דעם זעלנער אין בויך וואָס שטייט דאָרט מיטן געלאַדענעם ביקס אויף וואַך, אַז יענער ווערט איינגעבראָכן אין פאַרחלשטן בויג, מיטן קאָפּ ביז צו דער ערד. בליץ־גיך טוט סענדער אַ כאַפּ דעם אייזערנעם ריגעל, אַ פראַל מיט דער געעפנטער טיר, און ער ווערט נעלם.

פון דרויסן טוט אַ זעץ אַ בייזער געטומעל מיט געדעמפּטע געשרייען און קללות, לויפנדיק צעפויקטע טריט פון געקאָוועטע שטיוועל, ס'הילכט עטלעכע מאָל דאָס טרוקענע קנאַקן פון גיכן שיסעריי און ווי אַ חתן אונטער די אָרעמס, פירן צוויי זעלנער צוריק אַריין סענדערן אין דער גמינע, טון אים אַ טלוס צו די יידן אין ווינקל און גוגערן צעיאָכמערט:

— געכאַפּט דעם פויגל, נאָ, צו דער כאָלערע. אַנטלויפן וויל ער גאָר פונדאַנען. נו וואַרט, וואַרט, מ'וועט דיר שוין געבן דאָ אַ פאַרציע, אַז וועסט האָבן צו געדענקען. די הויט וועט מען פון דיר שינדן, פּסיאַקרעוו, זשידקי.

סענדער איז בלייך און צעקייכט פאַרסאָפּעט. ער האָט אַריינגעכאַפּט שווערע קלעפּ אין די זייטן. ס'בלוטיקט אים פון די ציין, ס'איז אים צעביילט דער שטערן און צעריסן אַ האַלב פּנים. האַרב שמייכלט ער מיט צעקרומטע

לעפּצן אַביסל פֿינלעך פֿאַרשעמט, נאָר פֿאַרט פֿריילעך צעוואָרטלט, מיט אַ שאַרף גלאַנצל אין שוואַרץ אונטערגעשלאָגענעם אויג, ווי אין אַ געשפּאָלטענעם שפּיגל:

— נו, מילא — מאַכט ער, אָפּווישנדיק מיטן טיכל ס'בלוט פֿונם מויל — איז לא געפֿידלט. האָט ער נישט געטאַנצט מיטן בער... ווי זאָגט דער פּסוק, אַז ס'גייט נישט גלייך פֿאָרט מען אַרום. אָבער געטון זיינס האָט ער, איאַ ניין?

— יאָ, יאָ, סענדערל ממזר, וואָרע דען, האָסט אַ טריף מזל, ביזט אָפּגעקרמען מיט שיע פּיע. מעגסט הייסן געבן בראָנפֿן אויף אַ לחיים.

ביי זיין טאַטן דעם שלאָפֿן מנחם איז טאַקע שוין פֿאַרשניטן געוואָרן ס'חיות פֿון שרעק און ער איז אָצינד זייער צופֿרידן צו זען דעם זון ב"ה אַ לעבעדיקן: ער וועט מעגן שבת אין שול בענטשן גומל, סענדער, נאָר לייזן וועט ער ערשט פֿון אים אַ פּסק אינדערהיים. מנחם בייזערט זיך מיט שטרענגן וואָרעניש אין זיין שווערן אָטעם, נאָר מיט פֿאַרבאָרגענעם גדולת אין די צעאַקערטע זאָרגקנייטשן פֿונם געל אויסגעצוימטן שטערן, אַז סענדער זאָל נישט זיין אַזאַ ווילער יונג און נישט איינשטעלן ס'לעבן, ווייל מען קען אים נאָך אָוועקפֿירן ערגעץ און איינזעצן אין רעשט, צי גאָר דערשיסן, חלילה. ווער טוט עפּעס אַזאַ ווילדע זאַך סיידן אַ משוגענער.

יאָסל, זיין ברודער, קוקט אויף אים מיט ביטול, הלמאי ס'איז אים נישט געראָטן דער ויברח און חברה יונגען נעמען שפּעטן אויף זייער שטייגער:

— האַ־האַ, געטראָפֿן מיטן רעכטן פֿוס, ווי אַ בלינד פֿערד אויפֿן בוידעם. גאָט איז אַ פֿאָטער, אַז ער גיט נישט אַ מכּה, גיט ער אַ בלאָטער.

— וואָסי די מעשה סענדער? האָסט פֿאַרגעסן צו קושן די מזוזה?

— אַריינגעכאַפּט אַ שמיים, איז גאָטס און דיינס, ונאמר אמן.

— נו, נו, מענטשן, האָטס רחמנות אין פּופּיק און ציט נישט קיין אָדער, וואָראָן מיט אַ שטיקל מפּלה איז פֿונדעסטוועגן קיינער נישט באַוואָרנט.... — האָט געזאָגט משה יאַנקל דער גראָבער און זיין קיילעכיק פּנים מיט די קלייניע איינגעבעטע אויגן איז געווען אינגאַנצן ברייט צושמייכלט, ווי אַ פֿולע לבנה.

(המשך קומט) .

„דאָס ליד פֿון דעם יידישן קעלנער אבראם"
די נייע פּאָעמע פֿון די דיכטערין חוה ראָזענפֿאַרב
צו באַקומען ביי:
MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1
— פּרייז 5/6 —
ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פֿריי.





## קען אַ קונסט-ווערק זיין אַנטיסעמיטיש?

די זייער פּיינליכע אינצידענטן אַרום דעם ענגלישן פֿילם „אַליווער טוויסט" אין דייטשלאַנד, און די היציגע דיסקוסיעס ביי אונדז ווו נאָר דער פֿילם ווערט געוויזן, רופֿן אַרויס, גלויב איך, ביי יעדן פֿון אונדז אַ פּרינציפּיעלע פֿראַגע, וואָס וואָלט געדאַרפֿט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל, ווי ווייט מעגלעך פֿאַרענטפֿערט ווערן:

קען אַ קונסט ווערק — אַ אמת גוטע דראַמע אָדער נאָוועלע זיין אַנטיסעמיטיש, צו בכלל „אַנטי" וועלכן סאיז פֿאַלק?

שטעלנדיק די פֿראַגע, הייסט עס אָבער ניט אַז מיר זיינען לכתחילה מסכּים אַז איצטיקן דייטשלאַנד, וו מען האָט שוין באַלד אינגאַנצן אָפּגעשטעלט און בטל געמאַכט דעם פּראָצעס פֿון „דענאַציפֿיקאַציע" איז איבעריק טאַקטיש געווען צו ווייזן אַזאַ פֿילם ווי „אַליווער טוויסט":

אַז ס'איז דאָ אַזאַ זאַך וואָס הייסט טאַקט און קאָרעקטקייט, דאַרף מען, דאַכט זיך, פּאָליטיקער און באַזונדער ענגלענדער — די מאַיסטער פּאָליטיקער — ניט ציילן — נו איז טאַקע דעריבער, לכל הדעות, ניט איבעריג קאָרעקט און טאַקטיש געווען צו ווייזן אין דייטשלאַנד איצט אַזאַ פֿילם. אפילו ווען מען זאָל גלויבן, אַז דער פֿילם איז אַ גוטער, אַזוי אין ניט־אַנטיסעמיטיש, ווי סאיז אוודאי און אוודאי ניט געווען דער גרויסער מענש פֿריינט — דיקענס. „נאַבלעס אָבליזש"... און ווער סהאָט נאָר אַביסל פֿאַנטאַזיע, ווי מען רופֿט עס, און קען זיך פֿאָרשטעלן די מענטאַליטעט פֿון דעם איצטיקן דייטש, וועלכער זוכט אפשר, בידעים ובלא יודעים זיך באַרעכטיקן און ריין וואַשן פֿון די שוידערלעכסטע פֿאַרברעכן וואָס ער האָט אין „בעסטן פֿאַל" געדולדעט — קען שוין לייכט פֿאָרשטיין פֿאַר וואָס סאיז ניט איבעריק איידל און טאַקטיש איצט ווייזן אַ„פֿייגין" פֿאַר די דייטשן, ווי רעאַליסטיש און קינסטלעריש ער זאָל ניט געשילדערט זיין;

דער דורכשניטליכער דייטשער פֿילם־זעער וועט ניט איבערקלערן אַז „פֿייגין" איז אַ אוניווערסאַלער מענטשליכער כאַראַקטער, אַז מען געפֿינט אים ביי אַלע פֿעלקער, און אַז דער „ענגלישער" ביל סייקס, וואָס דער דיקענס האָט געשילדערט אין דער זעלבער נאָוועלע איז אפשר נאָך ערגער פֿון דעם „ייד" פֿייגין... ניין, דער „שולדיקער" דייטש, ווי אַלע אַנטיסעמיטיש אַנגעטריבענע פֿאַרשוינען, וועלן צוליב פּסיכאָלאָגישן „זעלבסט שוץ" פֿאַרגעסן אַלע אַנדערע כאַראַקטערן אין דיקענס „אַליווער טוויסט" און געדיינקן נאָר פֿייגינען, און זיך זאָגן:

„איר זעט מיר זיינען ניט אינגאַנצן אומגערעכט געווען... איר זעט אַ פֿייגין..." נו, איז דאָס טאַקטיש און קאָרעקט, און אין די אינטערעסן פֿון אַ בעסערער מענטשלעכער צוקונפֿט, צו העלפֿן, ווען אפילו אומדירעקט באַרעכטיקן פֿאַרברעכנס קעגן מענטשליכקייט?

נו. און פון די געפילן פון דער שארית הפליטה אין דייטשלאנד, וועלכע ווייסן אזוי גוט וואס די דייטשן האבן געטון און זענען איצט ווידער אנטיסעמיטיזם וואקסט פון דאס ניי אין דייטשלאנד, וועלן מיר שוין ניט רעדן... אבער די פאליטיקער וואס בעלהבתעווען איצט אין דייטשלאנד, וואלטן זיך דאך אוודאי און אודאי געמעגט רעכענען מיט די פארשטענדליכע געפילן טאקע לכתחילה ניט ווייזן דעם פילם.

אבער, ווי געזאגט, דארפן מיר דאך איינמאל פאר אלעמאל פאר זיך אליין פרווון פארענטפערן די פראגע „צו א גוטע נאוועלע, א גוט בילד, א גוטע פיעסע—קענען זיין דאס וואס ווערט אנגערופן אנטיסעמיטיש“?

און איך שטעל און פרווו פארענטפערן די פראגע. דער עיקר דערפאר ווייל איך גלויב דאס ווען מיר יידן וועלן אביסל געלאסענער און אביעקטיווער אנהויבן באטראכטן די פראגע, וועט אונזער סענסיוויטעט — ווי היסטאריש און קעגנווארטיג פארשטענדליך און בארעכטיגט — ווייניקער קריינקליך און אלארמיסטיש זיין און מיר וועלן אויפהערן מיט אונזערע געשרייען „אנטיסעמיטיזם“ — וואו מען דארף און מען דארף ניט — נאר העלפן צובלאזן און אדווערטייזן אנטיסעמיטיזם, וועלכער נויטיגט זיך אוודאי ניט אין אונזער הילף....

יעדעס מאל וואס „דער סוחר פון ווענעדיג“ ווערט ערגעץ אויפגעפירט, אדער וואו דער דערמאנטער פילם „אליווער טוויסט“ זאל ניט געוויזן ווערן אזוי הויבט זיך אויף אין אונזערע נאציאנאלע קרייזן און אונדזער פרעסע די ווי אונפארמיידליכע און כראנישע שוין דיסקוסיע צו שיילאק אדער פייגין זיינען שאפונגען פון גאונים, וועלכע זיינען דאך אנטיסעמיטיש געשטימט געוועזן, און צו מען דארף ווייזן אזעלכע אנטיסעמיטישע שאפונגען....

און דאס איז ניט נאר לעצטן, ווען מיר שמארצן אלע פונם גרויסן חורבן, נאר סאיז שטענדיק אזוי געווען, ווען מען האט געוויזן א אלטן צו נייעם ניט־גינסטיקן יידישן כאראקטער אין א בוך אדער אויף דער בינע...

סאיז אזוי געווען אין דיקענס צייטן, ווען דיקענס אליין האט זיך געמוזט פארטיידיקן און פארענטפערן אז ער איז ניט קיין אנטיסעמיט, חלילה....

און שעקספיר אליין האט שוין בשעתו געהאט פארווורפן אין אנטיסעמיטיזם, ווייסט נאטירלעך קיינער ניט... נאר אויב סאיז דערלויבט זיך פארשטעלן וואס שעקספיר וואלט יא געזאגט צו אזא פארווורף איז, דוכט מיר, אז ער וואלט לאכנדיק אזוי געזאגט: אויף מיין שיילאק האב איך געארבעט א סך מער ווי אויף אלע אנדערע פיגורן אין מיין קאמעדיע... איך האב אים ליב אט דעם מאנומענטלן ייד־מענטש... און ער וועט לעבן אזוי לאנג ווי די אנדערע גרויסע פיגורן וואס איך האב געשאפן....

* * * * *

מיר פרעגן זיך זעלטן ווען צו דער אדער אנדערער ניט גינסטיק געשילדערטער ייד אין א בוך אדער אין אן שוי־שפיל איז א עכטע קינסטלערישע שאפונג; סאיז פאר אונז גענוג אז דער צופעליג אדער ניט צופעליקער ייד



איז א נעגאטיווער כאראקטער מיר זאלן זיך פון אים אפקערן מיט פראטעסטן און באשולדיקן דעם מחבר אז ער איז א „אנטיסעמיט“; און פארקערט: מיר זאלן זיך נאיוו פרייען ווען דער געשילדערטער ייד איז א פאזיטיווער כאראקטער, א שיינער ייד, אפילו ווען די שילדערונג האט קיין קינסטלערישע ווערט ניט און איז אפילו שונדיסטיש.

מיר פארשטייען אוודאי און אוודאי פאר וואס מ'האט זיך ביי אונז אויסגעארבעט אזא פאלשער צוגאנג; נאך מער מיר ווייסן אז ניט נאר מיר נאר אלע פאטריאטישע, דורכשניטליכע בירגער, וואס האבן א קנאפע אנונג וואס גוטע ליטעראטור איז, פרייען זיך אדער פילן זיך געקריינקט, ווען א פרעמדער שרייבער באשרייבט זיי ניט גינסטיג...

אבער דאך איז נויטיג מיר זאלן זיך איינמאל פאר אלע מאל פארענטפערן די אויבנגעשטעלטע פראגע, ווייל סאיז ניט נאר פאלש און שעדלעך צו זוכן איבעראל ווילנדיקע און ניט ווילנדיקע אנטי־יידישע טענדענצן, און איין גאט ווייסט אז מען דארף זיי ניט זוכן...; נאר וואס איז נאך ערגער: ווייל אויך דער באליידיגטער און גערעכטער צד ווערט אזוי ארום ניט טאלעראנט אפילו צו גערעכטער קריטיק און זעלבסט־קריטיק.

* * * * *

אלזא — קען א אמת קונסט ווערק זיין אנטיסעמיטיש?

איך גלויב אז יעדער איינער וואס האט א פארשטענדניש פאר קונסט און ליטעראטור וועט אויף דער פראגע ענטפערן מיט א זיכערן — ניין; ווייל קינסטלעריש ווערט — פון און אמת זיינען די געשילדערטע כאראקטערן און פיגורן וועלכע זיינען אוניווערסאל אין וואס פארא נאציאנאלן לבוש און נאציאנאלן נאמען דער קינסטלער זאל זיי, צופעליג אדער ניט צופעליג, ווייזן. וואס פארא בארימטע און אונשטערבליכע פיגור איר זאלט ניט אויפרופן פון דער וועלט ליטעראטור, פון אלע נאציאנאלע ליטעראטורן, וועט איר גלייך דערזען און פון אנערקענען אז די פיגורן זיינען גרויס און אונשטערבליך, ווי מיר רופן זיי, דערפאר, ווייל זיי זיינען אוניווערסאל, ווייל זיי פארקערפערן אלגעמיינע מענשליכע כאראקטערן און מידות: דאן קיכאט און סאנטשא, אויב הארלעס און פאוסט, טארטיוף און שיילאק זיינען גרויסע אונשטערבליכע שאפונגען ניט צוליב זייערע נאציאנאלע אייגנשאפטן און נעמען, נאר ווייל זיי באלאנגען צו אלע מענשן, זייערע כאראקטערן זיינען אוניווערסאל, אלמענשליך, ניט קוקנדיק אויף זייערע ציטווייליקע און צופעליקע נאציאנאלע קאסטיומען....

די שיילאקס, די טארטיופס און די סמערדיאקאווס זיינען דא ביי אלע פעלקער און אין אלע לענדער, און די וואס זעען אין זיי נור זייערע נאציאנאלע קאסטיומען און נעמען, פארשוועכן און מינימיזירן נאר זייער קינסטלערישע ווערט, זייער אמתע שעפערישקייט, און זייער גרויסע ווערט פאר דער גאנצער מענשהייט — זיי קענען געגליכן ווערן צו די וואס זעען בלויז פארנאגראפיע ווען זיי קוקן, נאמיר זאגן, אויף דער ווענוס פון מולא.

פארשטייט זיך אז מיט דער אקסיאמע איז ניט אזוי לייכט צו אפערירן און אנווענדן בנוגע נייע שאפונגען, ווייל ניט אלעמנס באגריפן ווען אמתע קונסט זיינען גלייך און ריכטיג און סאיז דא אזוי פיל פסעוודא־קונסט אדער פראפאגאנדיסטישע פאליטישע און נאציאנאליסטישע ליטעראטור, וועלכע מאסקירט זיך אפט דערפאלגרייך מיט א געוויסן קיסנטלעריש אויסזען... אבער צו די פון צייט אויסגעפרובטע ווערק און שאפונגען, וועלכע האבן איבערגעלעבט דורות קריטיק, שאצונגען און איבערשאצונגען — ווי שיילאק און אליווער טוויסט און פארשידענע גראדן — קומען מיט דער טענה אז זיי זיינען אנטיסעמיטיש איז פאלש און שעדלעך, ווייל ווען זיי וואלטן ניט אוניווערסאל געווען וואלטן זיי אזוי לאנג ניט געלעבט... אנטיסעמיטיזם איז שונד... און א אמתע קונסט־ווערק קען שוין דעריבער ניט זיין אנטיסעמיטיש

און ווען אייניקע פון אונז, ווי גוט מיינענדיק און געווייטאגט פילענדיק, שרייען אז פייגין אדער שיילאק זיינען אנטיסעמיטישע שאפונגען, פאלן זיי אליין אריין אין שונד (סאיז דא אזא זיך ווי צדקותדיקער שונד אויך...) און העלפן נאר אונזערע שונאים... און דאס מאל וועקן זיי א אנטיפאטיע צו יידן צווישן די לייטישערע, אינטעליגענטערע און ווייניקער היפאקריטישע ניט־יידישע קרייזן:

„די יידן האבן ליב צו זען נאר שיינע אידעאליזירטע שילדערונגען פון זיך... זיי פארגעסן אזוי אפט אז זיי זיינען מענשן ווי אלע מענשן“...

פארשטייט זיך, אז ניט יעדער האט א רעכט אונז צו זאגן, אבער אשטיקל אמת איז דא אין דער טענה. און, ליידער, פארדינען מיר ניט זעלטן דעם פארוורף.

## יוסף פרענקל

# פאר די לעבעדיקע און די טויטע

די יידישע מלוכה איז פאַר אַלע יידן. יעדער ייד האָט דאָס רעכט עולה צו זיין און די פליכט פון ישראל איז יעדן ייד אויפצונעמען.

אַ „סאָרטירטע איינוואַנדערונג“ איז אַ דיסקרימינאַציע פאַר די יעניקע, וועלכע ווערן אויסגעשלאָסן פון דער איינוואַנדערונג.

יידן האָבן זייט פיל יאָרן באַקעמפט „סעלעקציע־אימיגראַציע“, וועלכע לענדער האָבן איינגעפירט, ווייל דער מין עמיגראַציע איז געווען געווענדעט קעגן די יידן. און די „סעלעקציע־אימיגראַציע“ פאַר ישראל, איז נישט נאָר געווענדעט קעגן געוויסע טיילן פונם יידנטום, נאָר שטעלט מיט זיך אויך אַ סכנה פאַר דער מאַסן־איינוואַנדערונג.

וואָס באַדייט „סעלעקציע־אימיגראַציע“? — אויסדערוויילטע, מיוחסים און „בעסערע יידן“ וועלן קענען איינוואַנדערן קיין ישראל. היינט קען זיך דאָס



האַנדלען וועגן אַרבעטער, האַנטווערקער און מאָרגן וועגן פּערזאָנען, וועלכע געהערן צו אַ באַשטימטער פּאַרטיי. אין אַ געוויסן טאָג קען קומען אַן אַנדערע רעגירונג אין ישראל און קען באַשטימען אַ נייע דעפיניציע פאַר די „געקליבענע אימיגראַנטן“. צום ביישפּיל, אַז נאָר רעליגיעזע יידן אָדער יידן מיט קאַפּיטאַלען, אָדער יידן, וואָס וועלן שטימען פאַר אַ געוויסער פּאַרטיי, זאָלן קענען איינוואַנדערן אין לאַנד.

ווען למשל יידן ווערן באַדראָט אין אַ געוויסן לאַנד פון פּאָגראָמען און פאַרניכטונג, — האָט מען אַ רעכט צו רעדן וועגן „סאָרטירטער־אימיגראַציע“? און יידן זענען תמיד געווען אין אַ געפאַר — אין דעם אָדער יענעם לאַנד. קען מען דען איצט איינפירן „סעלעקציע־אימיגראַציע“ פאַר די יידן פון די אַראַבישע לענדער אָדער פון די ד.פּ.־לאַגערן?

די פּראָוויזאָרישע ישראל רעגירונג האָט צו איר שבח אויפגענומען אין לאַנד אַלע אינטערנירטע פון ציפּערוס און פון אייניקע ד.פּ.־לאַגערן, נישט מאַכנדיק קיינע שום באַשרענקונגען. מען דאַרף האָפן, אַז אויך די נייע רעגירונג וועט פאָרזעצן די זעלבע פּאָליטיק. עס איז אויסער יעדן ספק, אַז די מאַסן איינוואַנדערונג קיין ישראל האָט געהאָלפן צו באַזיגן די אַראַבער.

אַפילו „הכשרה“ איז נאָר דאַן צו באַגריסן, ווען זי פאַרלענגערט נישט די אויסוואַנדערונג פון די יידן אָדער שליסט זיי אינגאַנצן אויס. די בעסטע הכשרה אין די קומענדיקע יאָרן פון מאַסן איינוואַנדערונג דאַרף פאָרקומען נישט אין גלות נאָר אין ישראל. זי וועט זיין נישט נאָר אַ בעסערע, נאָר אויך אַ ביליקערע און פּראַקטישערע. דערמיט איז נישט געזאָגט, אַז אין גלות דאַרף נישט פאָרקומען קיין הכשרה, — זי קען אָנגעהויבן ווערן אין גלות און פאָרגעזעצט ווערן אין ישראל. זי דאַרף אָבער נישט פאַרלענגערן דאָס עולה זיין פון דעם יוגנטלעכן, וואָס וויל פאַרלאָזן דעם גלות.

די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון ישראל איז אין דער קירצסטער צייט אַריינצוברענגען אין ישראל מיליאָנען יידן. אַ מאַסן־איינוואַנדערונג איז איצט אַזוי וויכטיק, ווי טאַנקן און עראָפּלאַנען מיט אייניקע מאָנאַטן צוריק. קיינער קען היינט נישט זאָגן, צי עס וועט נישט קומען אַ נייע וועלט מלחמה. און אַ קריג באַדייט די ענדע פון דער איינוואַנדערונג קיין ישראל — און דערפאַר מוז יעדער טאָג אויסגענוצט ווערן, כדי צו פעסטיקן די נייע מדינה און דאָס קען אין דער ערשטער ריי געשען דורך אַ מאַסן־איינוואַנדערונג.

זייט עס עקזיסטירט די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע איז הייליק און גילטיק די אַקסיאָמע: ארץ ישראל איז פאַר דעם יידישן פאָלק, פאַר די אַלע, וועלכע ווילן אַהין קומען. הערצלס „יידנשטאַט“ האָט געבראַכט צו דער גרינדונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. הערצל איז געווען פאַר אַ מאַסן־איינוואַנדערונג. יעדער ייד דאַרף האָבן דאָס רעכט צו קומען אין לאַנד. איינשרענקונגען טאָרן נישט געמאַכט ווערן. אַפילו פאַרברעכער, וואָס זיינען אָפּגעקומען זייער שטראָף אין גלות, דאַרף געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו קומען אין לאַנד און אָנהויבן אַ נייעם לעבן. אַלע — אויך קראַנקע און אַלטע —

אַן אויסנאַם דאַרף מען אַריינלאָזן, נאָר קריגס־דעזערטירן נישט. ווען זיי קומען אין לאַנד, דאַרפן זיי צוריקגעשיקט ווערן.

אין הערצלס טאָג־ביכער ווערט דערציילט פאָלגנדע געשיכטע:

אין וויטוואַטערסראַנד אין דרום־אַפריקע, ווו מען האָט געפונען די גאָלד־מינעס, איז אַ געוויסן טאָג געקומען אַ נייער מענטש. ער האָט זיך באַמיט צו געפינען אַ באַשעפטיקונג, אָבער נישט ביי דעם גאָלד־גראָבן. ער האָט געגרינדעט אַן אייז־פאַבריק און האָט גוט פאַרדינט. צוליב זיין אנשטענדיקייט האָט ער ערוואָרבן די אַלגעמיינע אַכטונג. נאָך מערערע יאָרן איז ער פלוצלונג אַרעסטירט געוואָרן. זייענדיק פריער אַ באַנקיר אין פראַנקפורט, האָט ער געמאַכט פאַרשיידענע שווינדלערייען. ער איז אַנטלאָפן און האָט אונטער אַ פרעמדן נאָמען אָנגעהויבן אין אַפריקע אַ נייעם לעבן. ווען מען האָט אים געפאַנגענערהייט אַוועקגעפירט, זיינען געקומען חשובע לייט פון יאָהאַנעסבורג אויפן באַנהאָף, זיך האַרציק געזעגנט מיט אים און אים געווונטשן — אַ ווידערזען! ווייל ער וועט צוריק קומען.

נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע איז געווען אַ מעגלעכקייט דורכצופירן אַ מאַסן־איינוואַנדערונג קיין ארץ ישראל. אָבער מען איז דאַן אַרויסגעקומען מיט די פאַראַלן פון אַ „געקליבענער איינוואַנדערונג" און קעגן די „גאַלעוווקיס". פאַר דעם חטא האָט דאָס יידישע פאָלק טייער באַצאָלט און דער חטא טאָר ניט איבערגעחזרט ווערן. „עולה זיין מיט אַלע וועגן", איז געווען דער שלאָג־וואָרט פון די ציוניסטישע פאַרטייען מיט איניקע יאָר צוריק, ווען די טויערן פון לאַנד זענען געווען געשלאָסן. היינט מוז די לאָזונג זיין „זאָל אונזער פאָלק קומען אין לאַנד" און די טויערן פון לאַנד דאַרפן זיין אָפן פאַר אַלע יידן.

נאָך אַ באַמערקונג:

אין הערצלס טאָג־ביכער געפינען זיך צוויי זאַצן:
די שיף מיט די ארונות!
מיר נעמען מיט אויך אונזערע טויטע!"

אַמאָל האָט מען דעריבער געמאַכט וויצן און מען האָט פיל געלאַכט איבער די „שיף פון טויטע". אינצווישן זענען אומצייליקע בית־עלמין'ס געשענדעט געוואָרן און דאָס לאַכן האָט אויפגעהערט.

אין פוילן ליגן נאָך אין די חורבות יידישע מתים און אין דייטשלאַנד איז אַ שטענדיקע דערשיינונג דאָס שענדן פון יידישע בית־עלמין'ס. מען קען נישט וויסן, וואָס די צייט וועט ברענגען און וואָס וועט זיין מיט די נאָך נישט צושטערטע יידישע בית־עלמין'ס אויך אין אַנדערע לענדער?

„די שיף מיט די ארונות!
מיר נעמען מיט אויך אונזערע טויטע!"

די יידישע מלוכה האָט אָרט פאַר אַלעמען, פאַראַ די לעבעדיקע, וואָס ווילן אין איר אָנהויבן אַ נייעם לעבן און פאַר די טויטע, אַז זיי זאָלן קענען רוען אין פרידן.



ש. י. האַרענדאָרף

## מאיר צעלניקער — דער פאָלקס־אַקטיאָר

(צו זיין 35 יאָריקן בינע־יובל)

ווען מען האָט אין די לאָנדאָנער יידישע טעאַטער־קרייזן זיך דערוווּסט, אַז מאיר צעלניקער, דער האַרציקער יידישער פאָלקס־אַקטיאָר וועט דעם 7־טן יולי פראַווען זיין כשר־פאַרדינטן 35 יאָריקן בינע־יובל, האָט קיינער פון זיינע צאַלרייכע פריינט און פאַרערער ניט געוואָלט גלויבן, אַז דער אַזוי דינאַמיש אַרבעטזאַמער „מאיר'קע" (ווי מיר רופן אים דאָ — מחמת „עמך"דיקער היימישקייט), איז פאַרבונדן מיט דעם יידישן טעאַטער זינט די לעצטע 35 יאָר. כן־ירבו!

פאַראַן אַקטיאָרן וואָס ווערן „פאַרגעסן" פון זכרון, תיכף נאָך זייער ערשטן אויפטריט אויף דער בינע, ווייל דער טעאַטער־עולם דערקאָנט זייער טאַנדייטנע און „קוליסן רייסנדיקע" מלאכה, וואָס זיי פאַרשרייען מיטן כח פון זייער אייגענער „סטאַר"־רעקלאַמע.

מאיר צעלניקער געהערט — צו אונזער גליק — צו דעם סאָרט געבענטשטע בינע־טאַלאַנטן, וועלכע מען קאָן ניט פאַרגעסן און מען געדענקט זייער לאַנג זיינע פרעכטיקע, אָפטמאָל וווּנדערלעכע קרעאַציעס, וואָס ער שאַפט אין פאַרשיידענע ראָלן.

צעלניקערס עיקר'דיקע מעלה באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז אין זיינע ראָלן אידישלאַך, אַזוי האַרציק און טייער אידישלאַך, אַז מען ווערט אָפטמאָל דערשטוינט, ניט קענענדיק אונטערשיידן דעם חילוק פון „מאיר'קען" און זיין „העלד", וואָס ער שפילט אַזוי פערפעקט און שלימותדיק.

* * *

מאיר צעלניקער איז אַ כאַראַקטער שוישפילער.

וויפיל כאַראַקטער שוישפילער פאַרמאָגן מיר איצט, נאָך דעם בלוטיקסטן שניט אין אונזער יידישער געשיכטע? איינצעלנע, וועלכע מען קאָן אָנציילן אויף די פינגער.

דאָס יידישע טעאַטער האָט געליטן אַ שוידערלעכן קלאַפּ און עס איז אַ פראַגע, אויב מיר וועלן ווען עס איז דערגאַנצן די מורא'דיקע אבידה. פון דער דאָזיקער אבידה איז דאָס יידישע טעאַטער געוואָרן מסוכנ'דיק קראַנק און איין גאָט ווייס, אויב עס איז פאַראַן אַ רפואה פאַר זיין גענעזונג...

מאיר צעלניקער, דער פון גאָט געבענטשטער בינע־קינסטלער, וועמענס אַלזייטיקער טאַלאַנט שפרודלט ווי פון אַ פריידיקן קוואַל, גלויבט ניט, אַז ער איז דער לעצטער מאָהיקאַנער ביים יידישן טעאַטער־עמוד; צעלניקער וויל ניט מאַכן שלום מיט דעם כמעט אפיקורסישן געדאַנק פון קרענקלעכ[illegible]מיזם, אַז דאָס יידישע טעאַטער גייט אונטער און אַז ער געהערט צום לעצטן



מאיר צעלניקער

דור פון דער גלאַררייכער יידישער טעאַטער־תקופה.

מאיר צעלניקער, וועמען מען באַצייכנט אין דער יידישער טעאַטער־וועלט אַלס דעם אַקטיאָר מיט דער „ראַזינקע״, איז אָנגעזאָפּט מיט נייע פּלענער פאַר זיין צוקונפטיקער טעטיקייט. ער פּלאַנט צו מאַכן טורנעען איבער פאַרשיידענע לענדער, כדי צו באַווייזן דעם יידישן טעאַטער־וועלטל — הגם אַזוי קליין און איינגעשרומפּן — אַז יידיש טעאַטער מוז עקזיסטירן, ווייל אָן יידיש טעאַטער, וועט די יידישע וועלט ניט האָבן קיין קיום...

די־אַ פּשוטע, יידיש־מענטשלעכע לאָגיק, האָט אַ פילאָזאָפישע באַגרינדונג:

— עס קאָנען ניט עקזיסטירן קיין יידן אָן זייער שפּראַך און קולטור.

* * *

ווי אין אַ חלום שוועבן פאַרביי יענע טעג פון יאָר 1927 אין דעם אַמאָליקן שיינעם, זוניקן ווין, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען מאיר צעלניקער אויף דער בינע פונם דאָרטיקן יידישן טעאַטער „רעקלאַם״.



איך געדענק מער ניט די פּיעסע, וואָס מאיר האָט אויפגעפירט. אָבער איך געדענק זייער גוט דאָס לידל, וואָס ער האָט געזונגען „ביטאָ די צייטן פון אַמאָל״... אַ פּשוט טעאַטער לידל איז דאָס געווען. אָבער געזונגען האָט צעלניקער דאָס לידל מיט אַזוי פיל טעם און חן, וויפיל טעם עס האָט פאַרמאָגט, להבדיל, די תפילה פון אונזער שטעטלדיקן חזן אין די ימים־נוראים...

דער שרייבער פון די שורות האָט יאָרן־לאַנג געהאַט די געלעגנהייט פון דער נאָענט צו אָבסערווירן און גענויער זיך צו באַקענען מיט צעלניקערס כאַראַקטעריסטישן אופן און צוגאַנג פון שפּילן יידיש טעאַטער.

עס איז אוממעגלעך צו געדענקען און אויסצורעכענען די אַלע ראָלעס, וואָס צעלניקער האָט געשאַפן. אָבער אין יעדער פּיעסע, וואָס ער האָט געשפּילט, סיי אין שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער״ און „שווער צו זיין אַ ייד״, אָדער אין אברהם גאָלדפאַדנ׳ס „לא תחמוד״ און אַפילו אין שעקספּירס „שיילאָק״ און אין צענדליק אַנדערע פּיעסן, אין יעדער ראָלע האָט צעלניקער זיך אַנטפּלעקט אַלס קינסטלער מיט אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

געוויס, — לאָמיר דאָס זאָגן מיט אַ געוויסן פאַרדרוס — צעלניקער איז אָפטמאָל געצוווּנגען צו „זינדיקן״ אין אַ רעפּערטואַר, וואָס איז געווען אַ אומכבוד פאַר זיין טאַלאַנט. אָבער מען מוז אים דעם דאָזיקן חטא מוחל זיין, ווייל די אומשטענדן האָבן אים דערצו געצוווּנגען.

* * *

אָפטמאָל פרעגן מיר:

אין וועלכער ראָלע איז צעלניקער אַמבעסטן? אין וועלכער פּיעסע האָט ער אַמבעסטן אויסגענומען? וועלכע ראָלע קאָן ביי אים ווערן פאַרצייכנט אַלס אַ „קרוין־ראָלע״?

עס איז שווער צו געבן אַ קלאָרע תשובה אויף דער פראַגע, ווייל אין וועלכער ראָלע איז צעלניקער דען שלעכט? יעדער ראָלע וואָס ער שפּילט, איז ביי אים אַ „קרוין־ראָלע״, אַ שעדעווער!

און ניט בלויז אויף דער בינע, געפינט צעלניקער זיין ווירדיקן עמוד; ער האָט מיט דערפאָלג געשפּילט אויך אין ענגלישן פילם, „מר. עמאַנועל״ (באַאַרבעט פון לואי גאָלדינגס אַ באָוועלע), „תמיד רעגנט אין זונטאָג״, („איט אַלוויעס רעינט אָן סאַנדי״) און אין אַנדערע. צעלניקער האָט אויך — אַלס ערשטער יידישער אַקטיאָר — אויפגעטראָטן מיט אַ סצענע פון „שיילאָק״ אין דער ענגלישער טעלעוויזיע — און דווקא אין דער יידישער שפּראַך.

לכבוד זיין 35 יאָריקן בינע־יובל ווילט זיך אים אויסדריקן אונזער אַלעמענס דאַנק פאַר דעם גרויסן קינסטלערישן נחת־רוח, וואָס מיר האָבן געהאַט ביז־איצט און לאָמיר האָפן, אַז ער וועט אונז נאָך מהנה זיין מיט אַ סך קרעאַציעס פון זיין שפּרודלדיקן טאַלאַנט.

**י. ראַפּאַפּאָרט** (מעןבאָרן)

# מײַן וועג צו דער ליטעראַטור־קריטיק און אין דער יידישער ליטעראַטור

(פראַגמענטן פון אַ גרעסערער אַרבעט)

1. מײַן וועג צו דער ליטעראַטור־קריטיק.

ווען איך טראַכט וועגן מײַן וועג צו דער ליטעראַטור־קריטיק, מוז איך אָנהויבן גלויבן אין באַשטימונג, אין אומפאַרמײַדלעכקייט פון גורל.

מײַן ליבע צו „קריטיקירן" האָט זיך אָנגעהויבן זייער פרי: איך האָב פאַר מײַן רבין, צו זײַן גרויסער שרעק, נישט אויסבאַהאַלטן מײַן מיינונג וועגן דער תלמוד־שטעלע, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז מען טאָר נישט משתּין זײַן לעם אַ וואַנט, ווײַל דאָס קען איר ברענגען שאָדן.

— ווי קען מען זײַן אַזוי גראַשנדיק?! — האָב איך זיך געבייזערט, און מײַן רבים שווינדזיכטיק־רויטלעכע באַקן (אויב מען האָט זײַן הויט אויף די ביינער געקאַנט אָנרופן באַקן) זענען נאָך רויטער געוואָרן, און זײַנע תּמיד־פאַרלוירענע אויגן זענען נאָך פאַרלוירענער געוואָרן.

— מען דאַרף הונדערט יאָר משתּין זײַן לעם אַ וואַנט, כּדי זי אפשר צו שיידיקן אַביסל, איז פאַרנעמט מען זיך מיט דעם?

אָבער איך האָב שוין דאַן אַרויסגעוויזן נישט נאָר מײַן נייגונג צו נעגאַטיווער קריטיק, — איך האָב אויך געגלויבט.

ווען איך פלעג קומען צו אַן אגדתא, בפרט צו אַזאַ ווי וועגן די פליגל, וואָס פלעגן פאַרברענט ווערן ביים אַריבערפליען איבער דעם לערן־אָרט פונם תּנא (אַזוי שטאַרק האָט געפלאַקערט זײַן תּורה־התלהבות) פלעג איך זיך נישט קאָנען איינהאַלטן צו געבן דעם תּלמוד אַ פינף מיט אַ פּליוס.

דעם זעלבן גורל האָט ביי מיר געטיילט דער תּנ"ך: „שופטים" האָט באַקומען ביי מיר אַ גוטע רעצענזיע און „דברי הימים" און טיילן פון „ויקרא" פלעג איך אַראָפּרייסן...

מײַן בולטערע ליטעראַטור־קריטישע טעטיקייט האָב איך אָנגעהויבן ביי מײַן טאָפּלטן רבי — אין ציוניזם און אין דער רוסישער ליטעראַטור, — ביים שוואַרץ־טשופּרינעדיקן פּריוואַט־לערער פּעקער.

פּושקין איז מיר זייער אָפּט נישט געפעלן געוואָרן צוליב זײַן אָפטן באַנוצן זיך מיט די נעמען פון די גריכישע געטער. איך האָב פאַר דעם קיין נאָמען נישט געהאַט, אָבער דאָס האָט מיך אָפּגעשטויסן ווי עפּעס פרעמדס, קינסטלעכס.

אַ פײַנע קריטישע טעמע — די ערשטע — איז געבוירן געוואָרן אין מיר ביים לערנען גאָגאָלן און ביים לייענען דיקענסן, טווייַנען און שלום עליכמען.



איך האָב שוין דאַן געהאַט געלערנט און געלייענט בעלינסקין און פּיסאַרעוון און כ'האָב שוין געוווּסט, אַז נישט נאָר מען קאָן שרײַבן ליטעראַטור, נאָר אַז מען קאָן אויך שרײַבן וועגן ליטעראַטור.

און אָט האָב איך איינמאָל אויסגעזאָגט דעם לערער מײַנעם אין וועלטלעכן וויסן מײַן ערשטע ליטעראַר־קריטישע טעמע: איך וואָלט וועלן אָנשרײַבן אַן אַרטיקל וועגן דעם הומאָר ביי גאָגאָלן, דיקענסן, טווייַנען און שלום עליכמ'ען און אויפוויַיזן ווי פאַרשיידן עס איז ביי יעדן פון זיי דער הומאָר.

איך האָב דערביי מסתּמא געהאַט אַ פאָרשטעלונג וועגן הומאָר, ווי וועגן אַ סטאַבילער, קאָנקרעטער זאַך, וואָס אַ געוויסע צאָל שרײַבער באַנוצן זי און דאָך זעט זי ביי יעדן פון זיי אויס אַנדערש.

הגם עס וואָלט מיר נאָך הײַנט געווען זייער שווער — און אפשר אונמעגלעך — קלאָר און פּרעציז אויסצודריקן אין וואָס עס באַשטייט די געפילטע אַנדערשדיקייט פון די דאָזיקע פיר הומאָריסטן, דאָך האָב איך עס דאַן זייער שטאַרק און בולט אָפּגעפילט; איך האָב אַן ווערטער דערשפּירט, אַז די שטראַלן פון „זעלבן" הומאָר ברעכן זיך אַנדערש איבער דורך דער פּריזמע פון יעדנס נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, פון יעדנס נאַציאָנאַלער מיליע.

אַ וויַיטערדיקן שריט פאָראויס אויפן וועג פון מײַן קריטישער זעלבסט־אַנטוויקלונג איז געווען מײַן פאַרטיפן זיך אין טאָלסטאָי'ען.

גײַסטיקע איבערברוכן אין מענטשן האָבן מיר פון קינדוויַיז אויף שטאַרק אינטערעסירט. איך געדענק, אַז ריש לקישעס פאַרוואַנדלונג פון אַ רויבער אין אַ תּנא, ווי אויך ר' עקיבאַ'ס פאַרוואַנדלונג פון אַ פּאַסטוך און עם הארץ אין אַ תּנא, האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. דאָס זעלבע איז געווען מיט הערצלען — די פאַרוואַנדלונג פון אַ אַסימילאַטאָר אין אַ יידישן פירער האָט מיך אויף אייביק אָנגעפילט מיט גרעניצלאָזן דרך־ארץ צו דער דאָזיקער געשטאַלט.

דאָס זעלבע איז געווען מיט טאָלסטאָי'ען, ווען איך האָב געלייענט זײַן „ווידוי".

וויפיל מאָל איך האָב דאָס געלייענט, איז מיר אַלץ געווען ווייניק, — איך האָב ווי געוואָלט אַרײַנדרינגען הינטער יעדן וואָרט צו דער איבערלעבונג גופא.

היות ווי טאָלסטאָיס „ווידוי" איז צעוואָרפן איבער אַלע זײַנע ביכער, האָב איך טאַקע געלייענט אַלע ביכער זײַנע מיט דער זעלבער גײַסטיקער גיריקייט. און ביים לייענען „מלחמה און שלום", וואָס האָט מיך ממש פאַרכשופט מיט די וווּנדערבאַרע געשטאַלטן (אין זייער גאַנצער לעבנסגרויס) און טיפע סצענעס, האָב איך אָנגעהויבן אויך צו שפּירן אַ ווידערווילן צו געוויסע שטעלן פון דאָזיקן בוך, — צו די פילאָזאָפישע שטעלן אויף דער טעמע „נאַפּאָלעאָן".

איך האָב דאַן קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז אויך אַנדערע, באַרופענערע פון מיר, האַלטן נישט פון טאָלסטאָיס היסטאָריאָזאָפיע, — איך האָב זיך געפילט ווי אַן ערשטער אַנטדעקער. און איינמאָל, ווען דער העברעאישער לערער ס.

(היינט אַ פּראָפעסאָר) איז געווען ביי אונז צוזאַמען מיט מיין מומע יענטע גאָלדבערג (אַ ציוניסטישע טוערין, אַ פרוי מיט גרויסער בילדונג און אַ איי־פּעריקער מיטגליד פון „חובבי שפת עבר״) האָב איך אַרויסגעזאָגט מיין מיי־נונג וועגן טאָלסטאָיס פילאָזאָפיע מיט דער גאַנצער אַנונגסלאָזיקייט פון אַ קאַספּאַר האוזער, וועלכער איז נאָך נישט ציוויליזירט און רעדט אָפן.

ס. איז געוואָרן אַן אויפגערעגטער (ס׳האָט זיך שוין אין אים דאַן אָפּגע־רופן דאָס פּראָפעסאָרישע בלוט) און מיך אויסגעשייקעצט:

— ווי אַזוי דערוועגט זיך אַזאַ „מאַלאַקאַ סאָס״ (אַ יונגער שנעק) צו קרי־טיקירן טאָלסטאָיען, — און אַזוי ווייטער, אין באַקאַנטן נוסח.

איך האָב זיך נישט אונטערגעגעבן און געהאַלטן אַ גאַנצן רעפעראַט קעגן טאָלסטאָיס פילאָזאָפיע (איך האָב דאַן שטאַרק געהאַלטן פון נאַפּאָלעאָנען, ווי בכלל פון העלדן קולט; אָבער, אויך איצט האַלט איך נאָך פון אים), פאַרטיי־דיקט די פרייהייט פון מיינונג און וואָרט אַפילו פון אַ ייִנגל און פאַר איינוועגס אָנגעגריפן די אינטעליגענץ מיט דער גרויסער בילדונג און געבראַכט גלייך אויפן אָרט אַ באַווייז פון אונזער דינסטמיידל, וואָס זאָגט אַרויס מיינונגען, וועלכע באַווייזן אַ שטאַרקערע אינערלעכע אינטעליגענץ ווי ביי אַ סך פון דער אינטעליגענץ.

אָט דער צוזאַמענשטויס מיטן צוקונפטיקן פּראָפעסאָר איז געווען די ער־שטע וואָרנונג נישט צו ווערן קיין קריטיקער. — אָבער ליידער האָב איך די דאָזיקע וואָרנונג (ווי אַ סך שפּעטערע, דירעקטערע) נישט פאַרשטאַנען.

די טענדענץ פון ס. אָנצושרייען אויף מיר האָט זיך זייט דאַן אָן אַ שיעור מאָל איבערגעחזרט: מען האָט קיין איינמאָל נישט פּרובירט אויפווייזן, אַז איך בין אין תוך נישט גערעכט, — מען האָט תמיד גענוצט דעם איינציקן „אַרגו־מענט״: ווי אַזוי דערוועג איך זיך צו ריידן קעגן אַזאַ און אַזאַ.

מיינע קריטישע געציַיג האָבן זיך גענומען אַלץ מער אויסשאַרפן אין פאַרלויף פון מיינע ראַנגלענישן מיט פאַרשידענע גרעסערע אָדער קלענערע אויטאָריטעטן, אויך וועלכע איך האָב געוואָלט אַרויפדריקן מיין אייגענעם הכשר (פאַרן אייגענעם געברויך).

איינער פון מיינע פּרוכטבאַרסטע קאַמפן, אין דאָזיקן פּרט, איז געווען מיין קאַמף פאַר היינעס דיכטונג: צי איז זיין אָריגינאַל טאַקע בעסער פאַר די איבערזעצונגען פון זיינע ווערק, ווי אויטאָריטעטן זאָגן, אָדער די איבער־זעצונגען זיינען קלינגעוודיקער — און במילא בעסער, ווי ס׳האָט זיך מיר דאַן געדאַכט, — ווי מיר דאַכט זיך.

מיין דאָזיקן קאַמף האָב איך אַמאָל באַשריבן אַביסל גענויער אין זשור־נאַל „שיקאַגאָ״, אין אַ אַרטיקל א.נ. „עפּעס וועגן וועזן פון דיכטונג״. און דאָס אַרטיקל איז איצט אַריין אין מיינעס אַ זאַמלונג עסייען א.נ. „טראָפּנס גלויבן״, וועל איך זיך דעריבער דאָ נישט אָפּשטעלן אויף דעם לאַנג.

אָט דאָס איז אַ קליינער טייל פונם וועג, וואָס איך האָב אַליין, מיט איי־גענע כחות אויסגעלייגט צו דער יידישער קריטיק.



דער וועג איז געווען לאַנג. הגם ער לאָזט זיך מעסטן בלויז מיט אינער־לעכער אויסמעסטונג.

געגאַנגען בין איך אויף אים, ווי אַ לונאַטיקער, מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָבער מיט שאַרפע טיפערע חושים.

מען האָט מיך אָבער נישט איינמאָל אויפגעוועקט און כ׳בין נישט איינ־מאָל געניזוקט געוואָרן...

אפשר מער, ווי דאָס דאַכט מיר אַמאָל...

## 2 מיין וועג אין דער ליטעראַטור־קריטיק

אין בערלין האָט מיר דר. אַלשוואַנגער, פון כלל־פאַרלאַג, געגעבן זייערס אַן אויסגאַבע, אַ ביכל טאַגאָרס דערציילונגען, און געבעטן אָנשרייבן אַ רע־צענזיע.

טאַגאָרן האָב איך שוין דאַן, אין 1922, גוט געקענט; כ׳האָב געהאַט גע־לייענט זיינע לידער אין העברעאיש און דייטש, ווי אויך אין ענגליש; כ׳האָב געהאַט געלייענט אין דייטש זיינע דערציילונגען, זיינע פילאָזאָפישע עסייען; זיין וווּנדערבאַרן „נאַציאָנאַליזם״ האָב איך טאַקע געהאַט געבראַכט צום כלל־פאַרלאַג אין מיין יידישער איבערזעצונג, זיי זאָלן דאָס אַרויסגעבן.

אַלשוואַנגערן איז די איבערזעצונג גאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן; בעל־מחשבותן, דעם לעקטאָר פון פאַרלאַג, אויך. אָבער זור קאַליסקי, דער הויפּט דעה־זאָגער, האָט געלייגט זיין וועטאָ: די יידישע ליטעראַטור נויטיקט זיך נישט אין אַזעלכע סובטעלע ווערק. בעל־מחשבות, וועלכער האָט געוואָלט שרייבן אַ פאָרוואָרט צום בוך, איז געווען אויסער זיך און גערדראָט אַוועקצו־גיין פון כלל־פאַרלאַג (אַזוי האָט ער מיר דערציילט); דר. אַלשוואַנגער האָט מיר געשיקט צו לאַצקי־בערטאָלדין מיט אַ באַגייסטערטן בריוו (ווי בערטאָלדי האָט מיר דערציילט און אַפילו פאַרגעלייענט עטלעכע אויסצוגן, צווישן זיי, אַז איך פיל די מוזיק פון דער יידישער שפּראַך). אָבער דערווייל האָט ער מיר געוואָלט געבן באַשעפטיקונג אַלס רעצענזענט.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָב איך דר. אַלשוואַנגערן אָפּגעבראַכט דאָס ביכל אַ נישט רעצענזירטס. אויף זיין פראַגע: „פאַרוואָס?״ האָב איך אים גע־ענטפערט:

— כ׳בין שטאַרק באַשעפטיקט אין „יטא״, ביי טשעריקאָווערן און אין „אַרבעטס־פאָלק״ און איך האָב קיין צייט נישט איבערצולייענען נאָכאַמאָל טאַגאָרס אַלע ווערק.

איך געדענק נאָך היינט, ווי ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און געזאָגט, אַביסל מיט פאַרוווּנדערונג און אַ סך מיט כעס:

— קיין רעצענזענט וועט איר שוין קיינמאָל נישט זיין.

און ער איז, ווי עס שיינט, געווען גערעכט: נישטאָ ביי אונז קיין אָרט פאַר קריטיקער, וואָס נעמען צו ערנסט זייער אויפגאַבע.

צו אחריותדיקע באַציאונג איז געווען און איז נאָך היינט דער גרעסטער שטער אויף צו דערגרייכן עפּעס אין דער יידישער ליטעראַטור.

נישט נאָר אין דער קריטיק, אויך אין דער זשורנאַליסטיק.

איך געדענק אַן ענלעכע סצענע אין ריגער „דאָס פֿאָלק".

איך בין אַראָפּגעקומען אין „פֿאָלק" פֿון בערלין אין 1924. אין אַ צוויי וואָכן נאָך מיין קומען, זענען פֿאָרגעקומען וואַלן צום רייכסטאַג. זאָגט צו מיר דער באַלעבאָס: ת. עדות: „גיט אונז עטלעכע בילדלעך פֿון די וואַלן, איר קענט דאָך די גאַסן, די לאַגע".

האָב איך אים ערנסט געענטפֿערט:

— ווי אַזוי קאָן איך שרייבן בילדלעך פֿון בערלין, אַז איך זיץ אין ריגע? געוויס קאָן איך די לאַגע און די גאַסן, אָבער פֿעלשן וועל איך נישט. כ'וועל שרייבן אַ פּאָליטישן אַרטיקל.

און עדות האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט זיין קלוגן, אָבער צינישן בליק און געזאָגט דאָס זעלבע, וואָס דר. אלשוואַנגער:

— איר וועט שוין קיין זשורנאַליסט נישט זיין...

און ער האָט געטראָפֿן...

די אחריותדיקע באַציאונג צום שרייבן ליגט מיר אין בלוט און כ'האָב אַ גאַנץ לעבן נישט געקאָנט פּטור ווערן פֿון דער דאָזיקער דריקנדיקער און שטערנדיקער משא.

איך וויל דאָס אילוסטרירן מיט אַ פּאָר דערינערונגען.

אין ריגער „פֿאָלק" האָב איך געהאַט פֿולע פֿרייהייט פֿון שרייבן. ת. עדות, אַ פֿעאיקער זשורנאַליסט און שריפֿטשטעלער, אָבער אויך אַ גרויסער ציניקער (וועגן אים און מיינע באַציאונגען מיט אים און דעם „פֿאָלק" וועל איך שרייבן באַזונדער) האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון מיר (ער האָט מיר טאַקע „אויסגעשריבן" פֿון בערלין צוליב מיינע אַרטיקלען) און כ'פֿלעג מיינע אַרטיקלען אַליין אָפּגעבן צום זעצן, אָן שום קאָנטראָל.

אין ריגע האָב איך צום ערשטן מאָל געלייענט שלום אַשס „די כשופֿמאַכערין פֿון קאַסטיליע".

מיט שלום אַשן האָב איך שוין דאַן געהאַט אַ שטיקל קריטישן חשבון. זיין ר' שלמה נגיד" איז מיר שטאַרק געפֿעלן געווען; אויך „דאָס שטעטל"; אָבער זיין „מערי" האָט מיך שרעקלעך אָפּגעשטויסן.

זיין „כשופֿמאַכערין פֿון קאַסטיליע" האָט אויף מיר נישט געמאַכט אַזאַ איינהייטלעכן איינדרוק, ווי די פֿריערדיקע ביכער; אָדער שלעכט אָדער גוט. איך האָב אָי געפֿילט, אַז דאָס בוך פֿאַרמאָגט שיינקייט, און אָי אַז דאָס בוך איז עפּעס נישט עכט אין זיין שיינקייט. כ'האָב געהאַט דאָס נישט אינגאַנצן זיכערע געפֿיל, אַז דאָס איז ווי אַ קאָפּיע פֿון עפּעס פּאָרטיקס, — אָן דער עכטער אָריגינעלער וויזיע.

כ'האָב מיין מיינונג געוואָלט אויסדריקן אויפֿן פּאַפּיר, אָבער ס'האָט מיך אָפּגעהאַלטן די אַבסאָלוטע פֿרייהייט צו שרייבן וואָס כ'וויל.



בלויז אין געציילטע יאָרן שפּעטער האָב איך געשריבן פֿריי מיין מיינונג וועגן שלום אַשס ביכער אין „די פֿרייע שריפֿטן" פֿון דר. י. נ. שטיינבערג, ווייל ס'איז געווען ווער עס זאָל קאָנטראָלירן מיין מיינונג און מיין טעמפּעראַמענט; אין ריגע בין איך געווען דער פּוסק אחרון און היות ווי כ'בין נישט געווען אינגאַנצן זיכער אין מיין מיינונג און — דער עיקר, — צי זי איז ריכטיק, האָב איך אויף זיך נישט געוואָלט שטעלן. פֿרייהייט האָט מיך קיינמאָל נישט געפֿירט צו הפֿקרות. — אדרבא, כ'האָב זי תמיד געפֿילט, ווי אַ צוים.

אָבער געוויינטלעך פֿלעג איך גיין — ווי אַ לונאַטיקער — מיט זיכערקייט, אָבער מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אויפֿן אַרום. און כ'האָב לאַנג־לאַנג נישט פֿאַרשטאַנען וואָס מען וויל פֿון מיר; איך פֿיל שטאַרק מיין גערעכטיקייט, איך זאָג אַרויס מיין מיינונג, מיין געפֿיל. דערוואָרבן מיט אַזויפֿיל אַרבעט און ספֿקות, מיט אַזוי פֿיל וועגן און מאָטן און אחריות געפֿיל. ווי לעכערלעך עס פֿלעגן מיר פֿאָרקומען די פֿאָרוואורפֿן, אַז איך האָב ביים שרייבן פּערזענלעכע פּניות, אַ פּערזענלעכע באַציאונג; און האָב ביסלעכווייז אַנטדעקט די אמתע סיבה פֿון מיין שאַרפֿקייט: דאָס נישט האָבן פֿאַר די אויגן דעם פּערזענלעכן מחבר. — איך פֿלעג, שרייבנדיק וועגן אַ ווערק, נישט געדענקען אינגאַנצן וועגן אַ חבר. — כ'פֿלעג זען בלויז אַן אַבסטראַקט ווערק, און אָט־אָ־די אומפּערזענלעכע באַציאונג האָט פֿריי געמאַכט דעם וועג פֿאַר מיין נאַקעטן אמת.

פֿלעג איך זען דעם מחבר. פֿלעגט דאָס מיר אָפּט שטערן צום שרייבן.

איך געדענק איניקע בולטע פֿאַלן. איינעם וועל איך דאָ ברענגען.

דער מחבר פֿון „חבר יאָזע בראָץ", צ. זאַקאַלוק, איז מיר געווען פּערזענלעך סימפּאַטיש. ער איז געווען שטיל און איידל. זיין בוך איז מיר אָבער שטאַרק נישט געפֿעלן געוואָרן.

דורכגעלייענט די אָנגעשריבענע רעצענזיע, וואָס איז געווען זייער שאַרף, איז מיר געווען אַ רחמנות אויפֿן יונגן מחבר. און כ'האָב באַשלאָסן זי איבערצושרייבן, — זאָגן דאָס זעלבע, אָבער אין אַ מילדערער פֿאָרם.

איך האָב די ערשטע רעצענזיע צעריסן און זיך געזעצט שרייבן אַ צווייטע מיט דער גוטער כוונה.

ווען כ'האָב איבערגעלייענט די צום צווייטן מאָל אָנגעשריבענע רעצענזיע, האָב איך דערזען, אַז די גוטע כוונה האָט גאָרנישט געהאָלפֿן, — זי איז געווען נאָך שאַרפֿער פֿאַר דער ערשטער.

כ'האָב דאַן בולט דערפֿילט, אַז איך קאָן נישט דיקטירן מיין שרייבן, — אויב איך שרייב, מוז איך שרייבן אין הסכם מיט מיין געפֿיל און געדאַנק.

נישט נאָר דיקטירן מיין שרייבן האָב איך נישט געקאָנט. — אויך דיקטירן זיך נישט צו שרייבן האָב איך נישט געקאָנט: אויב איך האָב ווען געהאַט אַ שטאַרקן פֿאַרלאַנג עפּעס צו שרייבן און אים נישט אויסגעפֿירט, לאָזט ער מיך שוין נישט צו רו אַ גאַנץ לעבן. דאַקעגן, ווען איך שרייב עפּעס אָן און כ'קאָן עס נישט אָפּדרוקן, ווער איך אינערלעך באַפֿרייט פֿונעם דרוק פֿון דער טעמע.

קאַנענדיק די שאלקהאפטיקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור, וועל איך נישט זאָגן מיט זיכערקייט, אַז מיין שרייבן איז קיינמאָל נישט באַאיינפלוסט געוואָרן פון כעס אָדער ליבע, פון רחמנות צי פאַראַכטונג, אָבער די דאָזיקע מעגלעכע באַאיינפלוסונג איז תמיד געקומען — אויב זי איז געקומען — אומבאַוואוסטזיניק, — באַוואוסטזיניק איז מיין שרייבן קיינמאָל פון גאָרנישט נישט באַאיינפלוסט אָדער דיקטירט געוואָרן. מיין שרייבן איז צו אימפּולסיוו, צו אינסטינקט־מעסיק, צו אָרגאַניש, זי זאָל יעדן באַוואוסטזיניקן פּרווו באַאיינפלוסט צו ווערן נישט אַרויסשטויסן פון זיך ווי אַ פרעמד קערפּער.

אין אַ ליטעראַטור, וווּ כמעט אַלע בעלעטריסטן און דיכטער זענען געוואָרן רעצענזענטן נישט צופעליק (זיי ווילן האָבן אין דער האַנט אי אַ בייטש אויף יענעם, אי סחורה אויף אויסטוישן) איז נישט לייכט צו גיין ווי אַ לונאַטיקער אויף הונדערטער שריפטשטעלערישע הינער אויגן.

און וואָס מער ס'האָבן זיך געמערט אין שופלאָד נישט פאַרעפנטלעכטע רעצענזיעס וועגן יידישע שרייבער, אַלץ וויניקער חשק האָב איך געהאַט צו שרייבן וועגן יידישער ליטעראַטור. און וואָס פאַרביטערטער איך בין געוואָרן, אַלץ שאַרפער פלעגט זיין דער טאָן, ווען איך פלעג שוין שרייבן אַ רעצענזיע אָדער אַ קריטישן אַרטיקל. אמת, עס איז ווייט נישט ריכטיק די מיינונג, וואָס מען האָט עקשנותדיק געלאָזט אין אומגאַנג, אַז איך „רייס" נאָר אַראָפּ, — אָבער ס'איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז ווען מען האָט מיך שוין אויפגעוועקט פון מיין לונאַטיקער־שלאָף, האָב איך גערנער געשריבן — אויב כ'האָב שוין געשריבן — נעגאַטיווע רעצענזיעס, ווי פּאָזיטיווע, און נישט נאָר צוליב מיין נאַטירלעכער פעיקייט צו זען פעלערן, נאָר אפשר אויך צוליב דער אינסטינקטיווער מורא טאָמער וועט מען זאָגן, אַז כ'האָב זיך אונטערגעגעבן, אַז כ'האָב זיך אַרומגעזען.

באַוואוסטזיניק האָב איך דאָס נישט געטאָן, אָבער אומבאַוואוסטזיניק האָט דאָס אפשר געהאַט אַ געוויסע השפעה אויף מיין שרייבן.

דאָס בלוט פלעגט נעמען קאָכן אין מיר, ווען כ'פלעג באַקומען אַן איינלאַדונג (און דאָס איז געשען נישט זעלטן) מיטצואַרבעטן, אָבער מיט באַוואָרענישן: „שרייבט בעסער וועגן אייראָפּעאישער ליטעראַטור"; „שרייבט פּאָזיטיווע רעצענזיעס".

אונזער ליטעראַטור האָט אַזאַ שוואַכן אַנאַליטישן פאַרשטאַנד (אָדער אפשר האָט מען זי מיט אַ כיוון אַזוי פאַרטעמפּט), אַז „פּערזענלעכע" קריטיק איז ביי איר נאָר נעגאַטיווע. אַז פּערזענלעכע קריטיק (שוין אַן געזונפּיסלעך) קאָן פונקט אַזוי מיסברויכן פּאָזיטיווע מיינונגען (און נאָך מער, ווייל דאָס איז לייכטער און ריווחדיקער), דאָס פאַלט איר גאָרנישט איין. (אָדער זי שרייבט „כאַפּט דעם גנב!" טאַקע דערפאַר, ווייל זי וויל פון זיך אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט).



# קייטי בראָון

## דער כלל־טוער!...

רופן רופט מען אים דער כלל־טוער, און טרעפן טרעפט מען אים אין אַלע עקן פון דער איסט ענד.

ווו איר זאָלט אים נישט באַגעגענען, אין גאַס, אין שול, אין אַרבעטער־רינג, צי אין רעדאַקציע, וואַקסט ער פאַר אייך אויס ווי פון אונטער דער ערד, ציט מיט אייך אָן אַ דיסקוסיע, שלעפּט אַרויס אַן אַלטע, צעקנייטשטע צייטונג פון קעשענע און פרעגט: „איר האָט שוין געלעזן?" נישט וואַרטנדיק אויף אייער תשובה, רוקט ער אייך אַריין די צייטונג אין האַנט, מיט גדלות און זאָגט: „נאָט, לעזט וואָס מען שרייבט וועגן מיר"...

אויב איר זענט פון יענע, וועלכע האָבן שוין געהערט, וועגן אָט דעם פּאַרשוין, מאַכט איר עס קורץ און שאַרף, געפינט גלייך אַן אויסרייד און ווערט פון אים פּטור... אָבער קוים גיט איר אים אַ געלעגנהייט און ענטפערט נישט גלייך, דאַן האַלט ער אייך אויף שבת...

נעמען נעמט עס זיך דערפון וואָס אָט דער ייד האָט שטאַרק ליב פּאָפּולאַריטעט און דער דאָזיקער חשק לאָזט אים פשוט נישט רוען אין שטוב; עס טרייבט אים אַרום ווי אַ נישט־גוטן, רחמנא־לצלן!...

ער באַזוכט אַלע אינסטיטוציעס, פאַרזאַמלונגען, גאַסן־מיטינגס, זוכט די באַקאַנטשאַפט מיט יידישע אַקטיאָרן, און קריכט צו זיי הינטער די קוליסן, זוכט מיט אַלע כחות זיך צו דערשלאָגן צו אַן ענין, וואָס זאָל אים מאַכן פאַר אַ פּאָפּולערן מענטשן.

זיין דערפאַרונג האָט אים געלערנט, אַז נאָר דורך כלל־טועריי קען מען זיך דערשלאָגן צו אַ גרויסער פּאָזיציע און זיך שאַפן אַ נאָמען אין דער געזעלשאַפט. גאַנצע נעכט האָט ער נישט געקענט שלאָפן צוליב אָט דעם געדאַנק, און ער פלעגט כסדר טראַכטן, זוכן וועגן און מיטלען וויאַזוי צו דערגרייכן זיין ציל...

ענדלעך, נאָך פיל קלערן און טראַכטן, איז אים איינגעפאַלן אַן אידייע, אין וועלכער ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט לייב און לעבן; אַ געניאַלער געדאַנק, האָט ער געטראַכט. און קוים וועט זיין פּלאַן פאַרווירקלעכט ווערן, ווערט ער אַ גרויסער מענטש, וואָס אַלע וועלן רעדן פון אים, און אַלע צייטונגען וועלן שרייבן; מיט איין וואָרט, ער וועט זיין אָנערקענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אַלס אַ זשעני...

ער איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן, וואָס אַזעלכער איז נאָך ביז היינט נישט באַרירט געוואָרן. עס איז אים איינגעפאַלן צו שאַפן אַ היים פאַר אַלטע, יידישע מיידן, אָבער די היים זאָל זיך געפינען טאַקע ביי אונז אין ווייטשעפּל, און די מיידן דאַרפן נישט זיין נאָר ווייטשעפּלער, זיי מעגן אויך קומען פון גאַלדערס גרין, עדזשווער, הענדאָן און אפילו פון אַנדערע געגענטן... אַז קיין יידישער קלויסטער איז נישט פאַראַן, טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר יידן נישט זאָרגן

פאַר זיי? זיי געהערן דאָך צו אונזער פאָלק, דאַרפן מיר זיי זען צו באַזאָרגן מיט אַ היים וו זיי זאָלן קענען אָפּלעבן זייער רעשט ביסל יאָרן אָן צרות, נאָר טאַקע בכבוד גדול, אין נחת און אין פריידן... עס איז בלויז צו באַדויערן, אַז היינטיקע צייטן איז, נעבעך, פאַראַן אַ פיל גרעסערע צאָל פון זיי צוליב די וויסטע מלחמות, וועלכע האָבן איינגעשלונגען אַזויפיל יונגע מענער.

ער האָט זיך אַליין גראַטולירט פאַר דעם געלונגענעם איינפאַל און זיך אונטערגענומען צו טון אַלדאָס מעגלעכע, כדי זיין פּלאַן וואָס גיכער צו פאַרווירקלעכן. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט ווערן אויפגענומען פון יעדן יידן מיט אַ גוט יידיש האַרץ און רחמנות אויף אונזערע יידישע טעכטער. אינסטיטוציעס זענען פאַראַן זער פיל אויף דער גאַנצער וועלט, אָבער נישט איינע אַזעלכע ווי ער טראַכט צו שאַפן, די טראָגט אַ באַזונדערן נויטווענדיקן כאַראַקטער, און ער וועט זיכער באַקומען פיל אָנהענגער פאַר זיין אידייע.

כדי נישט צו פארלירן קיין צייט, האט ער גלייך אויף צו מאָרגנס געזען עטלעכע בעלי־בתים, מעמבערס פון זיין שול, און פאַר זיי פאָרגעלייגט זיין פּלאַן. הכלל, דער פּלאַן איז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג, און מען האָט אַרויסגעשיקט איינלאַדונגען צום ערשטן מיטינג.

מען האָט אויך צוגעגרייט פונקטן צום באַהאַנדלען ביי דער ערשטער זיצונג. די דאָזיקע זענען ווי פאָלגענדעס:

(1) מיר נעמען אַריין נאָר אַזעלכע, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין ליבעס נישט געפירט.

(2) מיר נעמען אַריין נאָר נערוועזע, אָפּגעלעבטע, וועלכע מוזן האָבן אויפגעגעבן יעדע האָפנונג חתונה צו האָבן, כדי נישט צו גיין קעגן אונזערע „רולס".

(3) עס מוז ווערן פאַקטיש באַוויזן, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַדעוועט קיין הינט אָדער קעץ...

(4) זיי וועלן מוזן אָפּגעבן אַ שבועה, אַז זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט געקריגט מיט דער „לאַדזשע־מיסיס" צוליב דעם, וואָס זי האָט יאָ אַ מאַן און לעבט מיט אים בשלום...

(5) זיי וועלן זיך מוזן אונטערוואַרפן אַלע פאָדערונגען פון דער פאַרוואַלטונג.

(6) אין פאַל עס וועט זיך דאָך מאַכן פאַר אַ מעמבערקע אַ שטיקל שידוך, איז אײדער וואָס־וועט וועט זי זיך מוזן באַראַטן מיט דער פאַרוואַלטונג, כדי נישט צו ברעכן די „רולס"...

דער ערשטער מיטינג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן טאַקע ביי דעם איניציאַטאָר אַליין, אין זיין „בעק רום", אויפן דריטן פלאָר. ער איז געווען זיכער, אַז עס וועט אַרויס דערפון אַ גרויסע זאַך, ווייל ער האָט געלעזן אין די צייטונגען, אַז אַלע וויכטיקע דערפינדונגען קומען אַרויס פון „בעק רומס"... אַפילו די אַטאָמישע באָמבע האָט מען אויך דערפינדן אין אַ „בעק רום". עס איז געקומען אַ גרויסער עולם, כמעט אַלע, וואָס מען האָט איינגעלאַדן.



דער עולם האָט זיך צוגעשפּאַרט ווו מען האָט נאָר געקענט, איינער אויפן בעט, אַ צווייטער אויפן טיש, אַ דריטער אויפן פענסטער, בלויז אונזער כלל־פאַרזאָרגער, וועלכער האָט אויך געפירט דעם פאַרזיך, איז געזעסן אויף דעם איינציקן בענקל, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, באַהאַנדלט יעדן פונקט באַזונדער און אַלע זיינען אָנגענומען געוואָרן מיט אַ מערהייט שטימען. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די וויכטיקסטע פראַגע פון אָוונט—וויאַזוי צו זאַמלען גרויסע סומעס געלד פאַר דעם צוועק.

גלייך, אויפן אָרט, איז געזאַמלט געוואָרן אַ באַדייטנדע סומע, און מען האָט אויך אויסגעוויילט אַ פראָמינענטן קאָמיטעט, וועלכער זאָל זיך פאַרנעמען מיט באַזוכן גרויסע און רייכע מענטשן און בעטן ביי זיי באַשטייערונגען לטובת דעם וויכטיקן צוועק...

דער עולם איז געוואָרן שטאַרק מיד פון דער שווערער אַרבייט און פון דער ענגשאַפט אין „בעק רום". מען האָט פשוט נישט געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם... דער רויך פון די ציגאַרעטן האָט געשטיקט אין האַלז, דאָס קליינע עלעקטרישע לעמפל האָט געברענט טונקל, פון דער „נעקסט־דאָריקער" שכנה האָט זיך געהערט דאָס שטאַרקע שפּילן פון ראַדיאָ און דאָס כסדרדיקע וויינען פון אַ קליין קינד פון יענער זייט טיר, דאָס מיאַוקען פון אַ הונגעריקער קאַץ. דאָס אַלץ איז געקראָכן אויף די נערוון פון אַ נאָרמאַלן מענטש... אָבער זיי, אונזערע פאַרזאָרגער, האָבן קיין זאַך נישט געהאָרט. מען איז געווען פאַרנומען מיט איין וויכטיקן צוועק...

אָרום צוועלף אַזייגער האָט זיך דער מיטינג געענדיקט, און ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען, האָט אונזער כלל־טוער ערשט פרייער אָפּגעאָטעמט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און אָנגעשריבן אַ רעפּאָרט וועגן דעם מיטינג, וואָס איז פאָרגעקומען און וועגן דעם וויכטיקן פּלאַן...

פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אויך נישט פאַרגעסן צו מעלדן, אַז טאַקע ער אַליין איז עס געווען דער, וועלכער האָט געבראַכט דעם פּלאַן אויפן טיש. ער האָט דאָס גלייך אָפּגעשיקט אין רעדאַקציע, און עטלעכע טעג שפּעטער איז דער באַריכט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

איצט טראָגט ער זיך אַרום מיט דער צייטונג אין קעשענע, צייגט זי יעדן וועמען ער טרעפט, און בשעת יענער לעזט וועגן זיינע וויכטיקע אויפטועכצן, שטייט ער מיט די הענט פאַרלייגט, באַטראַכט יענעם גוט, כדי צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף אים, און ווען ער זעט, אַז יענער שמייכלט, קוועלט ער פון נחת...

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון דעם פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן.

טראָץ דעם וואָס זיי האָבן געדונגען און איינגעריכטעט אַ שיין הויז מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, שטייט עס אָבער פּוסט. נישטאָ קיין „קאַסטאָמערס", ווייל אַלע יידישע מיידלעך זאָגן, אַז זיי זענען נישט אַלט און אַפילו די, וואָס זענען שוין לאַנג אַריבער די מיטעלע יאָרן, זאָגן אויך, אַז זיי זענען נאָך יונג,

פול מיט לעבן און ענערגיע און האָפן קיינמאָל נישט אַלט צו ווערן!

איז, ווי עס זעט אויס, די מי און אַרבעט געווען אַרויסגעוואָרפן. אָבער אונזער כלל־טוער פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ... ער גיט בלויז צו, אַז ביי אונז אין לאַנדאָן ווערט קיין זאַך נישט אָפּגעשאַצט, ווי מען דאַרף. איז ער געפאַלן אויף אַ פּלאַן. ער האָט ביי זיך באַשלאָסן צו פאָרן נאָך ישראל. דאָרט, זאָגט ער, פאַנגט זיך אָן אַ נייַ יידיש לעבן און דאָרט איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט פאַר אים זיך צו עפּעס אַרויפצודראַפּען; דאָרט, זאָגט ער, אין אונזער היים, וועט ער זיכער האָבן אַ מעגלעכקייט אַמאָל צו ווערן אַ פּאָליסמאַן, צי גאָר אַ קאָנדוקטאָר אויף אָן אייגענעם אָמניבוס; און דאַן וועט ער ערשט באַקומען די אמתע אנערקענונג, וועלכע ער זוכט שוין זינט לאַנגע יאָרן און קען נישט געפינען...

# אליהו פאלושאק

## ביכער אויפן טיש
(ביבליגראפישע נאטיצן)

עס נויטיקט זיך נישט קיין באַזונדערע דערקלערונג, פאַרוואָס אין פאָדערגרונט פונם יידישן שאַפן אין דער בעלעטריסטיק שטייט דער לעצטער חורבן. עס האט זיך שוין אנגעזאמלט א גאנצע ליטעראטור פון פאעמעס שירים־זאמלונגען, דערציילונגען און רעפארטאזשן, געשאפן פון געוועזענע קאצעטלערס, געטא־קעמפערס, פארטיזאנען, אויסבאהאלטענע אויף דער „ארישער״ זייט. אַ טייל דערפון ווערט פאַראייביקט אין דער יידישער ליטעראַטור עד עולם ועד, (אַ טייל אפשר נישט, אָדער אודאי נישט), ווייל עס איז אַ שוואַכער אָפּגלאַנץ פון דעם, וואָס שוין מער טאלענטירטע האבן אנגעשריבן פריער אדער וועלן נאך אנשרייבן. דאס טעמא: דריטער חורבן איז נאך נישט אויסגעשעפּט, כאטש מיר האבן זיך שוין אביסל אויסגעגלייכט די ביינער און הערן נישט אויף צו זיין שאפעריש אויף פארשיידענע געביטן פונם פולסירנדיקן לעבן.

זעט, אזא קליינער ישוב אין פוילן און אויף איינמאל ווידער דריי ביכלעך, אַרויסגעגעבן פונם פארלאג „יידיש־בוך״ אין לאָדזש (רעדאַקציע פונם פארלאג: ל. אליצקי, ד. ספארד) אלס ערשטעס: „רואינען אין זון״, לידער און פאעמען פון לייב מארגנטוי, געהייליקט דעם אנדענקן פון די קדושים: פאטער, ברידער, שוועסטער און זייערע משפחות „אומגעקומען דורך די הענט פון די היטלעריסטישע רוצחים אין די יארן 1941־1942 אין פינסק״. ווייסן מיר פון וואַנען דער מחבר קומט און וואונדערן אונדז נישט, פארוואס זיין ערשטער שיר איז באטיטלט: „22־סטער יוני״, ווען דער ווילדער שונא גייט „צעטרעטן אונדזער פרייד, פארווישן אלץ, פארניכטן קינד און קייט״. דער מחבר פארגעסט, אז שוין ביז 22־סטן יוני 1941 האט דער שונא כמעט



שוין צוויי יאר דורכאנאנד צעטרעטן די פרייד פון א טויזנט יידישע שטעט און שטעטלעך און אנגעהויבן צו פארווישן אלץ, וואָס איז יידיש. „פארניכטן קינד און קייט.״ און ווען ער שליסט דעם שיר, אז „צען מאל ווי זאל זיין דעם דולן פיינט, וואס האט די זון אונדז אויסגעלאשן היינט!״ זאל אים דערמאנט ווערן, אַז דערזעלביקער שונא האט אנגעהויבן אויסצולעשן די זון שוין אינם יאר 1933. לידער ווי „נקמה״ „צו מיין פענצטער קומט א שוואלב צו פליען״ „באלאדע וועגן מיין טויטער מאמע״ „קרים״ „עזרא פיניבערג״ פאלעסיער הארבסט״ און א„ גרויסע פאעמע „פאלעסיע״ פירן אונדז דורך די מלחמה־יארן איבער סאמארקאנד, יאלטא, מאסקווע צוריק צו די פאר מלחמה־יארן אין סאנאציע־פוילן, ווען מען האט געשריבן אנדערע לידער.

דאס צווייטע ביכל פון 64 זייטן הייסט „אין א פוסטער שטאט״ פון יצחק גוטערמאן, „אַ מצבה אויף די אומבאקאנטע קברים פון מיין מוטער רבקה, ברידער ליפע און חיים גיטערמאן, שטיף־פאטער און שוועסטער יעקב און סימע באהאריער.״ 6 דערציילונגען פון איינעם, וואס האט זיך געראטעוועט, האט אלעמען פארלוירן און איז צוריקגעקומען אין אַ פוסטער שטאט, וואו „קיינער האט פון ערגעץ נישט געקאנט ארויסקומען, נישט פון קיין הויז, נישט פון קיין שטוב. אלע גאסן זיינען געווען איינגעשלאפן, בערג מיט ציגל און שטויב, שטיקער ווענט, האלץ און אייזן״. ער דערציילט אונדז אויך פון „א געוועזענער גאס״ פונם אמאליקן לעבן אין שטעטל מיט דעם יאגעניש נאך א שטיקל ברויט, נאך פרנסה. אין דער געוועזענער גאס האבן זיך אויפן ברוק „געצויגן האנט־וועגעלעך, פאמעלעך באוועגנדיק זיך אויף די קליינע רעדעלעך. נידריקע, דארע מענטשעלעך, ווי קליינע, שוואכע נישט אנטוויקלטע פערדלעך, זיינען געווען אין זיי איינגעשפאנט.״ מער ווי אלטעגלעך זיינען די צוויי דערציילונגען „בלינד־קייט״, אויס דער קאמף־ און באפרייאונגס־צייט פון סטאלינגראד און „דער געראטעוועטער״, געשריבן מיט מאס, איבערצייגונג און טאלענט. פרעמד ווירקט אויף אונדז דאָ די לעצטע דערציילונג „דער ערשטער טאָג״ און דער מחבר, כאָטש ער גיט נישט אָן א דאטע, מיינט ווידער דא דעם 22־טן יוני 1941. מיר זען דא בעריש און סימע, יונגע עלטערן, און זייער ערשט קינד חיימל, ווי זיי ווערן זונטיק איבערראשט פון די „ערשטע באמבעס״. בעריש דעם טאטן ווילט זיך נישט גלייבן, אז עפּעס גרויזאמעס האט זיך אריינגעריסן אין זייער אלעמענס לעבן. „און ער האט זיך באמיט עס אָפּצוטרייבן: „מלחמה קאן נישט זיין! סך הכל מיט פיר פינף שעה צוריק, צוועלף א זייגער ביינאכט, האט ער זיך אומגעקערט פון דער גאס. דאס שטילע זינגען פון יונגע מענטשן, דאס פרייע לאכן קלינגט אים נאך אין די אויערן, פארלעך זיינען געשטאנען אין שאטענס פוןביימער. און יעדע באוועגונג זייערע איז פול געווען מיט דעם טרוים פון א גליקלעך לעבן, וואָס ווארט אויף זיי.״ דער מחבר יצחק גוטערמאן האט געדארפט וויסן, און האט אויך געוואוסט, אז עס קען יא זיין, ווייל די דאזיקע מלחמה, אנגעפירט פון די זעלבע רוצחים, האט זיך שוין געהאט אנגעהויבן נישט אין א זומערדיקן זונטיק 1941, נור

אין א פריהארבסטיקן פרייטיק 1939. אזא דערציילונג מוז נישט נאר זיין עכט, נייערט אויך איבערצייגנדיק און אמת. דער מחבר דארף נישט פארגעסן, אז ער האט געשריבן יידישע דערציילונגען פאר יידישע לייענער.

דאס דריטע ביכל איז דוד האפנונג׳ס „דער וועג פון פיין". ל. אליצקי זאגט אין זיין אריינפיר, אז דוד האפנונג איז א פנים חדשות אין דער יידישער ליטעראטור, וואס האט די צייט פונם גרויסן יידישן אומגליק פארבראכט ערשט אינם ווארשעווער געטא און נאכדעם צוליב זיין „גוטן אויסזען" זיך אויסבאהאלטן אויף דער אַרישער זייט". דער מחבר האט מיטגעמאכט און זיך אנגעזען דעם וועג פון פיין, באליידיגונגען, פינסטערקייט, נויט און פארניכטונג. וואס ער האט געזען, גיט ער אונדז איבער נאטירלעך, מענטשלעך און ווארעם, אן שום שרייערישע פרעטענציעס, אין אכט גוט־פארמירטע דערציילונגען. מיר באגלייטן דעם שרייבער אויף א וואקזאל, מסתמא נאך פאר דער צייט פון דער אויסזידלונג, יידן טארן נישט זיין אויף א וואקזאל, און פון צייט צו צייט קומען פאר אבלאוועס. די הארן־מענטשן „רויט פון רציחה", מיט צעטרייסעלטע גלידערס און אויסגעגלאצטע גזלנישע אויגן רייסן זיי זיך אריין צווישן עולם, מיט זייערע ריזעדיקע בערישע לאפעס האקן זיי זיך אויס א וועג „איבערן־גאנצן זאל האט זיך צעטראגן אנ׳אימהדיק געשריי, ווילדגעווארענע פון שרעק, זיינען מענטשן געשפרונגען איינער איבערן אנדערן". עס געפינען זיך העלפערס, שקצים און שיקסלעך, וואס קאַקעטירן און חנפענען זיך צום בעל כח, צום זיגער, צום בלוטיקן שונא. וואס האט זיי ערשט דא פארגוואלטיקט, דערנידריקט, באליידיקט, אבער נישט אזוי פיאטר פארשטייט, אז דאס גייעגעניש און די העצע אויף יידן איז נאר אנ׳אנהייב. זיי, די דייטשן, וועלן שפעטער די פאליאקן אויך אזוי באהאנדלען, און עס נעמט אים אן אנ׳עקל קעגן דעם אויסגעפוצטן פראנט מיטן לאלקעוואטן פנים און די צוויי שיקסלעך, וואס זיינען גרייט צו יעדער צייט צו מסרן יידן. איך וואלט געזאגט, אז אמשוואכסטן און אביסל צופיל געקינצעלט איז די טיטל־דערציילונג (די נעקסטע) „דער וועג פון פיין (אפשר שוין צוליב דעם אינהאלט), דערפאר אבער איז „דאס ליד פון פרייד" גראד א מעשהלע פון א זייער הויכער מדרגה, וואס דארף טאקי צוליב איר פשטות און מענטשלעכקייט ווערן איבערזעצט אין אנדערע שפראכן. דער מחבר דערציילט אונדז פון א געוועזענעם טרומייטער אין א פילהארמאנישן ארקעסטער, וואס ווערט א גאסן־מוזיקאנט. מיט זיין טרומפייט ברענגט ער פרייד אין די פון נויט באהערשטע יידישע גאסן. אבער די כחות לאזן אים אפ. „אין הארבסט איז די נויט און הונגער אין געטא געווארן אימה׳דיק גרויס. די גאסן־זינגער און מוזיקאנטן האבן אויפגעהערט צו פארדינען אויף א שטיקל ברויט און אנגעהויבן מאסנווייז אויסצושטארבן". אבער אין פרילינג ביי א ווארעמער זון האט זיך אונדזער שווארצער טרומייטער אנ׳אפגעשוואכטער, ווידער ארויסגעלאזט אויף די גאסן, זיין אינסטרומענט באהאלטן, אונטער דער מארינארקע. עס ווערט פלוצים א מהומה, אנ׳אבלאווע, מענטשן באהאלטן זיך אין די טויערן,



אונדזער מוזיקער ווערט געכאפט און געצוואונגען צו שפילן. ערשט פאלט אים פאר שוואכקייט און אימה גארנישט איין. אבער אומבאוואוסט, פאלט אים איין א טאן, און נאך א טאן, טענער אן אנ׳אויפהער און דער מוזיקער דערמאנט זיך: „יא, דאס איז דאך... דער פינאל פון דער... ניינטער"... א וואַרעמקייט איז אויפגעגאנגען אין זיין קערפער. און דער דיקער אויסגעפרעסנער דייטש האט זיך אנגערופן צו זיינע קאמעראדן: „דאס איז אמת׳ע יידישע מוזיק"...

„דער שווארצער טראפייטער האט מיט ברייט־צעעפנטע פארחידושטע אויגן, געקוקט אויף די לאכנדיקע דייטשן:

„פון בעטהאווענען!"....

די דייטשן האבן נישט אויפגעהערט צו לאכן און אפצושפעטן פון דער יידישער מוזיק. זיי האבן צום סוף זיך אויסגעדרייט און, אוועקגייענדיק, אנגעהויבן צוצוזינגען צום טאקט פון דעם שאלנדיקן טראמפייטס א זעלנעריש ליד". — „און דער שווארצער טראמפייטער האט מיט א קרישטאל־ריינעם זילבערנעם קלאנג, ווי אמאל, ווייטער געשאלט דאס ליד פון פרייד".

דוד האפנונג האט אויף זיין אופן אונדז געשילדערט, וואס ער האט געזען אויפן „וועג פון פיין". מיר האפן, אז ער האט אונדז נאך מער צו זאגן, וואס איז באהאלטן פארזיגעלט אין זיין ברוסט. זיין ערשטער ארויסטריט אין דער נאך־מלחמה׳דיקער יידיש־ליטעראטור איז א געלונגענער.

---

## שמואל לעווין (ניו יארק)

# מאַרים קאַץ׳ס ערשטע טריט

### (אין „דעם נאַציס יידישע טאַכטער" און „דער משפט")

פאַלקסמענטשן זאגן: „זי (אָדער ער, צי ס׳קינד) האָט אַזוי געוויינט, אַז ס׳האָט געקאַנט אַ שטיין רירן". לײדער האָט דאָס וויינען און קלאָגן פון מיליאָנען פרויען, מענער און קינדער אין זייער גרעסטער נויט און פאַרצווייפלונג, אין זייערע ביטערסטע לײדן און פיין נישט גערירט אַפילו קיין מענטשלעך האַרץ פון די אַרומיקע, וואָס האָבן צוגעזען (און אַ סך האָבן מיטגעהאָלפן) צו דער מאקאברישער און ארגיאסטישער שחיטה פון זעקס מיליאָן יידן.

אָבער ס׳איז געשען עפּעס אַנדערש, וואָס איז מער ווי בלויז גערירט ווערן פון טרערן, וואָס איז אַ סך אַ העכערע שטופע אין דער ספערע פון גייסט און נשמה — ס׳איז דאָס וואונדער וואָס געשייט מיט יחידים: ס׳עפענען זיך ביי זיי דיכטערישע און קינסטלערישע קוואַלן, וועגן וועלכע זיי האָבן פריער נישט געאָנט, ביי וועלכע אַזעלכע קוואַלן, געוויס לאַטענטע, וואָלטן ווייטער געבליבן צו. דאָס זענען די פאַלקס־דיכטער און פאַלקס־קינסטלער, פון וועלכע טייל אַנטוויקלען זיך צו עכטע דיכטער און קינסטלער.

צו אַזעלכע קען מען רעכענען מאָריס קאַץ, דעם מחבר פון צוויי דראַמען ביז איצט; „דעם נאַציס יידישע טאָכטער", אויפגעפירט מיט גרויס דערפאָלג אין די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער אין 1945 און געדרוקט אין לאָנדאָן אין 1947 און „דער משפט", פאַרעפנטלעכט אין לאָנדאָן אין 1949.

אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט האָט מאָריס קאַץ, אַ דענטיסט, ביז 40 יאָר עוסק געווען מיט קולטור־אַרבעט, געשריבן פּובליציסטישע אַרטיקלען, אָבער אויסגעמיטן צו שאַפן אויף וועלכן ס'איז קינסטלערישן געביט. (יעדנפאַלס נישט עפנטלעך). אונדזער חורבן אָבער האָט אין אים געעפנט אַ (לאַטענטן) דיכטערישן קוואַל און ער האָט אָנגעהויבן גלייך מיט דראַמע. אין זיין פאַל איז עס באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש, ווייל אין פאָרוואָרט צו זיין צווייטער דראַמע „דער משפט" שרייבט ער צווישן אַנדערש; „די דראַמע, וואָס אַן אמת, איז די שווערסטע און, אפשר, אומדאַנקבאַרסטע פאָרם אין דער ליטעראַטור". ער ווייסט דאָס און ער ווייסט אויך אַז „שריפטשטעלער, אפילו פון ערשטן ראַנג, וואָס האָבן אין פּאָעזיע און פּראָזע ממש אויסגעמייסטערטע שעדעווערן, האָבן אַ סך מאָל זיך אַרויסגעוויזן אומבאַהאָלפן ווען עס איז געקומען צו דראַמאַטישע עקספּערימענטן". און דאָך האָט ער אָנגעהויבן גלייך מיט דראַמע, און אוודאי בלויז דערפאַר, ווייל כאָטש די דאָזיקע פאָרם איז די שווערסטע אין דער וואָרטקונסט, איז זי אָבער גראָד די דאַנקבאַרסטע (און נישט די אומדאַנקבאַרסטע) ווייל זי איז די דירעקטסטע, אויב מען באַהערשט זי. (אגב, ס'איז אויך נישט ריכטיק, וואָס דער מחבר זאָגט אין זעלבן פאָרוואָרט, אַז „אין דער דראַמע קומען אַריין אַזעלכע עלעמענטן, וואָס די נאָוועלע און דאָס ליד פאַרמאָגן די נישט, ווי פּערסאָנאַזש־שילדערונג, מאָנאָלאָג, אַקציע" א.אז.וו.)

איך וויל זאָגן — און באַטאָנען — גלייך ביים אָנהייב, אַז מאָריס קאַץ באַהערשט כמעט מייסטערהאַפט די דראַמאַטישע פאָרם, כאַראַקטער־שילדערונג און באַזונדערס דעם דיאַלאָג, וואָס איז אַ חידוש ביי אַן אָנפאַנגער. און אויך דאָס וויל איך באַטאָנען; אַז נישט בלויז איז זיין צווייטע דראַמע אַן ערך בעסער ווי די ערשטע, נאָר זי ווייזט אַ דערשטוינלעכע אַנטוויקלונג, וואָס אַ סך גרויסע דראַמאַטורגן האָבן אין זייער צווייטער אַרבעט נאָך נישט געהאַט דערגרייכט. דאָס איז אַ באַווייז. יעדנפאַלס גיט עס האָפענונג, אַז מ'האָט דאַ צו טון, נישט בלויז מיט אַזעלכע, ביי וועלכן אַ געוויס געשעעניש עפנט די לעפצן פון פאַלקס־שאַפער (ווי דער מלאך מיט דער שווערד האָט געמאַכט רעדן בלעמס אייזל) נאָר מיט אַ פּאָטענציעלן דראַמאַטיקער.

„דעם נאַציס יידישע טאָכטער" איז מאָריס קאַץ'ס ערשטע טריט אינעם היכל פון וואָרט־קונסט בכלל און אין איר שווערסטער פאָרם בפרט. און דעריבער, הגם טיילווייז גאַנץ געשיקט אין דיאַלאָג, איז דאָס דאָזיקע שטיק נאָך גאַנץ פּרימיטיוו, אומבאַהאָלפן און נאַאיוו. די פּערזאָנען, אָנהייבנדיק מיט אַגיוסאַ שטראַוס, די 45 יעריקע אלמנה פון אַ באַרימטן דייטש־יידישן פּראָפעסאָר פון מעדיצין, ביזן לעצטן, זענען צייטונגס־שאַבלאָנען און אפילו נישט גענוג סקיצירט, אַזוי די האַנדלונג; אַלץ געשייט לויט צייטונגס־סענזאַציע.



וואָס האָט אין דער ווירקלעכקייט געוויס אין אַ סך פאַלן אַזוי געטראָפן; דראַמע אָבער האָט אירע דיכטערישע און קינסטלערישע ווירקלעכקייט.

גאַנץ אַנדערש אָבער איז דאָס צווייטע דראַמע „דער משפט". וואָס באַווייזט ס'אַרע קפיצת הדרך דער מחבר האָט דורכגעמאַכט. דאַ האָבן מיר שוין אַ גאַנץ באַוויסטזיניקן דראַמאַטורג. און גראָד די אומבאַהאָלפנקייט פון זיין ערשטלינג באַווייזט עס; עס באַווייזט די נאַטירלעכקייט אינעם אָנהייב פון אַן עכטן קינסטלער. אַ קינד איז זייער אומבאַהאָלפן ביים שטעלן די ערשטע טריט ווען עס הייבט אָן גיין. אַ קעלבל שטעלט זיך אויף די פיס גלייך ווי ס'ווערט געבוירן. דער דערפאָלג פון „דעם נאַציס יידישע טאָכטער" אויף דער בינע אין 1945 האָט צו פאַרדאַנקען דעם גינסטיקן מאָמענט פון דעמאָלט. ס'איז געווען די גליקלעכע שעה נאָך אונדזער גרויסער בראָך, ווען די יידן אומעטום האָבן געלעכצט נאָך נקמה אינעם מערדער פון אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים און געזוכט אַ טרייסט. „דעם נאַציס יידישע טאָכטער" האָט דעם דאָזיקן הייסן ווונטש דערפילט, זאָל זיין אויף אַ פּרימיטיוון אופן.

אינעם צווייטן דראַמע „דער משפט", האָט דער מחבר, ווי איך האָב שוין אָנגעדייט, באַוויזן, ווי די קינדערישע וואַקלדיקע טריט זיינע זענען געוואָרן זיכערע און שטאַרקע אויפן שווערן וועג פון דער דראַמאַטישער פאָרם. דאָס טעמע אין צווייטן שטיק איז דאָס אייביקע פּראָבלעם פון פאַרברעך און שטראָף. דער פּערסאָנאַזש איז אַ קריסטלעך פראַנצויזישער, וואָס איז אַ נייעס אין דער יידישער וואָרט־קונסט, ווייל ביז איצט פלעגט אַ יידישער שרייבער זעלטן שילדערן אַ קריסט און תמיד, חוץ אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד, בלויז אין אַ קליינער ראָלע, אַלס שבת־גוי אָדער סטראָזשניק, צי אַלס מגושם־קאָמישער פּאַרשוין, ווי ביי שלום עליכמן. און גערעכט איז מאָריס קאַץ אין זיין פאָרוואָרט, אַז דער יידישער שרייבער איז „בכלל נישט מחויב זיך מצמצם צו זיין — שעפעריש — אין די ענגע ד' אמות פון געטאָ". באַזונדערס באַרעכטיקט דערצו איז ער אין דעם פאַל פון פאַרברעך און שטראָף, וואָס ער באַהאַנדלט אין זיין דראַמע „דער משפט".

דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ דראַמאַטורג, וועלכער איז — קודם כל — אַ ייד מיט אַ גרויס האַרץ וואָס ווייטיקט און קאָן זיך נישט באַרואיקן נאָך אונדזער גרויס אומגליק, דער מערדער פון אונדזער זעקס מיליאָן ברידער און שוועסטער מוז קריגן זיין שטראָף. אין דער ערשטער דראַמע זיינער לאָזט מאָריס קאַץ „דעם נאַציס יידישע טאָכטער" משפּטן און אויספירן די שטראָף איבערן שולדיקן; אין זיין צווייטע דראַמע געהערט „דער משפט" צו גאָט און ער שטראָפט. דאָס דאָזיקע דראַמע איז נישט בלויז, ווי איך האָב שוין באַמערקט, אַן ערך איכותדיקער ווי ס'ערשטע, נאָר ס'קאָן אפילו נישט פאַרגליכן ווערן מיט יענעם, נישט אין דער פאָרם, נישט אין דער דראַמאַטישקייט, נישט אין דער אַקציע, נישט אין דער קינסטלערישער געשטאַלטונג פון פּערסאָנאַזש, נישט אין דער טעכניק און נישט אין דער שפּראַך. הגם די שפּראַך איז אויך דאָ נאָך נישט גענוג דראַמאַטיש און נישט גענוג דיכטעריש. אין אַ סך ערטער

פעלט דער שפּראַך פּשוט לעבן, די מענטשן רעדן נישט ווי מענטשן פון בלוט און פלייש, נאָר זאָגן בלויז דאָס נויטיקסטע אַז מ׳זאָל וויסן אין וואָס ס׳גייט. דראַמע לייד טאָקע נישט קיין איבעריקע רייד, יעדעס וואָרט מוז זיין באַרעכנט, געשפּרעך מוז זיין עקאָנאָמיש; אָבער נישט אָנעמיש. אין די רייד פונם העלד (און אַפילו פון אַ נעבנפּערזאָן) טאָר נישט פעלן די נויטיקע פאַרב און דער לעבעדיקע אָטעם וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ לעבעדיקן מענטש. דער פּאַסטאָר פּראַנסואַ, למשל — אַ פיינע פּערזענלעכקייט און גוט געצייכנט — איז אַ לעבעדיקער מענטש דורך דעם וואָס ער רעדט, בעת דער רב איז אַ שאַבלאָן, ווייל זיינע רייד זענען טויטער שאַבלאָן. פול מיט הייס לעבן און הומאָר איז ס׳לשון פון דער געריכטס־פאַרהאַנדלונג אין צווייטן אַקט. דער הויפּטריכטער, באַזונדערס דער פּראָקוראָר און דער אַדוואָקאַט זענען טיפּן פון דעם פראַנצויזישן גרויסן מאָלער און צייכענער דאָמיע.

אין לעצטן אקט אבער, ווען דער צום טויט פאַרמשפּטער עדואַר דעוורי, דערהויבן און געלייטערט פון זיינע זינד דורך חרטה און תשובה געזעגנט זיך, פאַרן גילאָטינירט ווערן, מיט זיין שוואָגער דעם פּאַסטאָר פּראַנסואַ און מיט זיין טאָכטער קאָלעט, קומט פאָר אַזעלכעס וואָס איז נישט בלויז אָפּערעטנמעסיק, נאָר עס פאַרשוועכט די הייליקייט פונם פייערלעך־טראַגישן מאָמענט אין דעם הויך געשטייגערטן דראַמאַטישן סוף. איך מיין דעם צוגעטשעפּעטן קליינעם „העפּי ענד" פון דער חתונה־צערעמאָניע וואָס דער פּאַסטאָר פּראַנסואַ פירט דורך צווישן קאָלעט (זי האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך, אַרויפגעצוווּנגען אויף איר דורך דער געלטגייציקער מוטער מיט אַ רייכן, נישטיקן בחור) און ראָבערט קאַלען, איר געוועזענער געליבטער, וועלכן זי האָט איצט מיטגעברענגט צום געזעגענען זיך מיטן פאַרמשפּטן פאָטער אירן: עטלעכע מינוט פאַרן געקעפּט ווערן זאָל ער נאָך האָבן נחת בנים.

דאָס באַווייזט אַז מאָריס קאַץ, אַ דראַמאַטורג, וועלכער האָט אין זיין צווייטן דראַמע שוין דערגרייכט אַ גאַנץ הויכע שטופע, האָט נאָך צו לערנען און צו אַרבעטן איבער זיך. אָבער שוין איצט האָט די יידישע ליטעראַטור, וואָס איז דערווייל נאָך זייער אָרעם אין בינע ווערק, אַ דראַמאַטישן טאַלאַנט אינם מחבר פון „דעם נאַצים יידישע טאָכטער" און „דער משפּט".

שוין דערשינען

„דאָס בוך פון לעסטערונגען"

פון לעאָ קעניג

אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלאַרן. פּרייז 21 שילינג

דאָס בוך קען מען קריגן ביים „נאַראָד פּרעס", און בוך האַנדלונגען.



## א. א. ראַבאַק (אַמעריקע)

# וועגן דער דופּליקאַציע פון אַרטיקלען

מיט גרויס אינטערעס האָב איך געלייענט אין „לשון און לעבן" אַז אַרטיקלען קומען אָן פון באַוואוּסטע שרייבער וואָס זענען שוין געווען געדרוקט ערגעץ אַנדערש. איך האַלט אַז דאָס איז ניט נאָר אַ פּחיתות הכבוד פאַרן זשורנאַל נאָר אויך פאַר דער ליטעראַטור בכלל; און ריכטיק האָט די רעדאַקציע געטאָן אַרויסצושמיצן אַזעלכע אַרטיקלען, ווער עס זאָל ניט זיין דער שרייבער.

איך האָב שוין אַ סך מאָל באַמערקט אַז אַרטיקלען פון סאָוועטישע שרייבער פלעגן געדרוקט ווערן אין אַ פּאָר לינקע זשורנאַלן אין אַמעריקע און אין רומעניע, אפשר אויך אין מעקסיקאָ און פּוילן. מען קאָן פאַרשטיין אַזאַ גאַנג בנוגע סינדיקאַטירטע אַרטיקלען וואָס ווערן געדרוקט אין אַזעלכע לאָקאַלע ציַיטונגען וואָס גייען ניט ווייטער פון זייער לאַנד אָדער אפשר בלויז שטאָט, אָבער אַ זשורנאַל וואָס ווערט געלייענט איבער דער גאָרער וועלט טאָר ניט דרוקן קיין אַרטיקלען וואָס זענען שוין ערשינען ערגעץ אַנדערש, ווארום ערשטנס פון איבערגעדרוקטע זאַכן ווערט ניט באַשאַפן קיין ליטעראַטור, צווייטנס איז עס אַ היזק פאַר יענע לייענער וואָס האָבן באַצאָלט פאַר מאַטעריאַל וואָס דאַרף זיין פריש בעת לייענען, נישט קיין אַרטיקלען וואָס זיי האָבן שוין געזען ערגעץ אַנדערש. אין אַ לייטישער ליטעראַטור וואָלטן שרייבער זיך דאָס ניט דערוואָגט צו טאָן, ווארים די זשורנאַלן וואָלטן זיי פּשוט להבא באָיקאָטירט. אַמאָל געבן רעדאַקטאָרן אָן דעם תירוץ אַז זיי דרוקן איבער פון אַן אַנדערער ציַיטונג מחמת זיי ווילן מהנה זיין זייערע לייענער מיט אַ גוטער זאַך. געוויינלעך גיט מען אָן אויסצוג פון אַזאַ מין און אויך דעמאָלט דאַרף מען אָנווייזן פון וואַנען מען האָט עס גענומען. חוץ דעם צופיל מאָל איז מען זיך נוהג דעם לוקסוס פון איבערדרוקן. איך האַלט אַז בעסער אייגענע עניות אידער פרעמדע עשירות; און אויב אַ באַוווּסטער שרייבער וויל זיך ניט מטריח זיין אָנצושרייבן אָדער געבן עפּעס ניי, דאַרף ער עס פּשוט זאָגן. ווען טאָמאַס מאַן האָט מיר אָנגעבאָטן אַן אַרטיקל פאַרן אַלבערט שווייטצער יובילי בוך, וואָס איז שוין פריער ערגעץ געדרוקט געוואָרן, האָב איך אים זייער שיין אָפּגעדאַנקט און געפרעגט וויפיל ער וואָלט וועלן פאַר אַ נאָך־ניט געדרוקטן אַרטיקל, ווייסנדיק אַז דאָס איז פאַר אַ פעסטשריפט לכבוד אַלבערט שווייטצערן, און, ווי מאַן האָט זיך אַליין געהאַט אויסגעדריקט, ס׳איז אַ כבוד צו ווערן פאַרבעטן.

נאָכמער, לפי דעתו, איז אַפילו אַ „פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט" אויך בטל בספק. עס הייסט אַן ערך אַזוי: „איך וויל זיך ניט אויסקויצן אָנשרייבן עפּעס ניי פאַר אייך, נאָר איך אַרבעט איבער אַ בוך, טאָ נאָמט אייך עטלעכע זייטלעך, סיי ווי קריג איך דאָך ניט באַצאָלט". זשורנאַלן ווערן אַמאָל אָנגעפּילט מיט אַזעלכע „פראַגמענטן": אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן, אַ שטיקל פון

אַ לענגערער עסיי אָדער עטלעכע בלעטלעך פון אַ וויסנשאַפטלעכער אָפּהאַנדלונג.

ניין מען מוז האָבן מער באַציאונג צום יידישן וואָרט און מער דרך ארץ פאַרן לייענער. שטעלט איך פאַר אַז דער אָדער יענער באַוווּסטער פּאָעט, פּובליציסט, קריטיקער צי דערציילער רעכנט אַז זיינע אַ זאַך מעג זיך דרוקן אין עטלעכע פלעצער, וועלן זיך אַ סך פרעגן פאַרוואָס גראַד ער און ניט זיי, און אפשר מיט רעכט. אונזער ליטעראַטור וועט אַזוי אָרום ווערן אַ מולטיגראַפירטע טשערעפּאַכע. מיר דאַרפן אָננעמען אַז די יידישע ליטעראַטור איז אַ וועלט־ליטעראַטור, אין דעם זינען וואָס געאָגראַפישע ווייטקייט איז ניט קיין מניעה פאַרן לייענער וואָס איז אין איר פאַראינטערעסירט. חוץ דעם איז די יידישע ליטעראַטור אַ וועלט־ליטעראַטור אין דעם זינען וואָס זי איז אַ חשובע ליטעראַטור מיט אַ פּרעסטיזש. ביי אונז איז ניטאָ קיין פראַגע פון קאָפּירייט (אַמעריקאַנער רעכט, ענגלישע רעכט). איך ווייס פון פאַלן ווו אַ קונה קויפט נישט קיין זשורנאַל מחמת ער האָט שוין אין אַרטיקל געלייענט פריער ערגעץ אַנדערש.

איך פאַרשטיי גאַנץ גוט אַז דער מחבר, נעבעך, וויל באַקומען ניט נאָר מער לייענער נאָר אויך וואָס מער האָנאָראַר. און אין צווייען אָדער דרייען איז „שטאַרקער“. אָבער אויף וועמענס חשבון? ניט אויפן חשבון פון דער ליטעראַטור. אַלעמאָל ווען איך זע אַן אַרטיקל אָדער אַ דערציילונג געדרוקט אין פאַרשידענע יידישע זשורנאַלן פיל איך זיך ווי אַ לייענער. באַליידיקט. אָבער דער יידישער ליטעראַטור איז עס אַ פּאַטש אין פּנים. לאָמיר איבערלאָזן אָט די מאַשינירטע, אָפּגעשטעמפּלטע אַרטיקלען פאַר די ענגליש־יידישע צייטונגען אין אַמעריקע, ווו דאָס גאַנצע לייען־מאַטעריאַל קומט כמעט פון איין מקור. יידיש איז נאָך גענוג שעפעריש און דער יידישער לייענער איז ניט געוווינט אַז מען זאָל אים קאָרמענען מיט קליאַטשע וואָס ווערט פאַרמישט און אויסגעטיילט אין 80 באַזונדערע אויסגאַבעס. שעפערישקייט גייט איינמאַליקייט. דער יידישער שרייבער האָט אַ התחייבות און דער יידישער זשורנאַל האָט אַ חשיבות. דערפאַר דאַרף באַגריסט ווערן די שטעלונג פון די רעדאַקציע פון „לשון און לעבן“ בנוגע „קאַרבאָן קאָפּיעס“ פון אַרטיקלען, און זאָלן די שרייבער וויסן אַז זיי מעגן זיך זיין שעקספּירס און דאָסטאָיעווסקיס, און דאָך ווען זיי שיקן מאַטעריאַל צו אַ זשורנאַל טאָר עס ניט זיין קיין גענוצטע אָדער אַפילו איבערגענוצעוועטע.


שוין דערשינען

„גלאָקן אין מדבר“

אַ נייער בוך פון ס. פּאַלמע — באַשטעלונגען ביים מחבר:

S. Palme, 193 Dalston Lane, E.8




## מאיר טויבענהויז (צפת)

# אַ באַגעגעניש מיט ח. נ. ביאַליק

ס׳איז געווען פאַר דער פריערדיקער וועלט מלחמה. ס׳איז אַ שמחה ביי יידן אין ארץ ישראל: ביאַליק באַזוכט דאָס לאַנד און מיר וועלן זוכה זיין זיך צו טרעפן מיטן גרויסן נאַציאָנאַלן דיכטער אונזערן.

פאַר מיר פערזענלעך איז דאָס געווען אַ זעלישע געשייעניש. זיך אָנגעטרונקען מיטן זאַפט פון זיינע לידער און לייענענדיק זיין פּאָעמע „דער מתמיד“ איז ביי מיר געווען עפּעס אַ יראת־הכבוד פאַר ביאַליק׳ן. און אָט איז ער פאַר מיינע אויגן.

שוין מיט זיין אויסזען און האַלטונג איז ער אָריגינאַל. ס׳איז קענטיק אַז ער טראָגט אַ חלום אין האַרצן. ער האָט אַן אינטערעסאַנט פּנים, אַ געזיכט פון אַ דיכטער און דענקער אין איינעם. ער לייגט נישט קיין געוויכט אויף אויסערלעכקייט און מען דערקענט גלייך, אין זיינע טיפענישן וועבן זיך גרויסע זאַכן.

גייענדיק צוזאַמען מיט אונז באַזוכן די הייליקע קברים פון אַמאָליקע תנאים זעט מען זיין צובונד צו אונזער מסורת־אבות. מען זעט אַז ער פאַרמאָגט אַ סך פון אַ פּאָעט וואָס איז גלייכצייטיק אויך אַ וויזיאָנער און טרוימער.

מיט עטלעכע ווערטער האָט ער פאַר אונז אויסגעדריקט די איינדרוקן זיינע, ווי אַ געמיש־אויסדרוק פון אַן אימפּרעסיע. ער איז נישט קיין נזיר און מתבודד, דאָך אָבער האָט ער ליב פרימאָרגן ביים זון־אויפגאַנג זיך אָוועקצוכאַפּן אויף אַ ווייל איינער אַליין און פּראַוון התבודדות.

אויף ביאַליק׳ן האָט דאָס פאָלק אָנגעטאָן די קרוין פון „משורר האומה“ — ער טראָגט ווירדיק זיין קרוין. מיר זען עס בעת מיר באַגלייטן דעם דיכטער, ער מערקט אַלעס כסדר און זעט וויזיעס אויף דער וואָך, ער ווייזט אונז ווי יעטווידער שטראָם האָט זיך זיין אייגענעם גאַנג און יעטווידער פויגעל זיין אייגן געזאַנג.

און אָט דערמאָנט זיך מיר אַן אָוונט אין יפו.

ס׳שלאָפט די ערד שוין לאַנג אין בלויען ליכט און אין רוים הערן זיך נאָך ליבע קלאַנגען פון יידישע שומרים. ביאַליק שפּאַצירט דאָ מיט איניקע פון זיינע מקורבים אויפן זאַמדיק־ווייכן ברעג פון בלויען ים און ער באַווייזט אונז פונווייטן אַ שיף און דאָ נישט ווייט באַווייזט ער אונז הייזלעך אין תל־אביב, וואָס הויבן זיך אָן צו בויען און אין אַ מינוט אַרום זען מיר שוין פון ווייטנס אין שיין פון דער לבנה כבישים טראָטואַרן לינקס און רעכטס געפּלאַסטערט פון בעטאָן.

ווי אַ העליש־פייער האָט זיך דאַן אָנגעצונדן אין זיין בליק. אין דער נאַכט־שטילקייט האָבן דאַן זיינע ווערטער געקלונגען ווי דברי נבואה און ריידנדיק וועגן בנין־הארץ האָט ער דאַן ווי אַ חוזה און אַ נביא פון אַמאָל געזען די וויזיע פון „תחית ישראל“. זיין דעמאָלטדיקן בליק וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

## יחזקאל נח ערליכמאן

# די הוספה פונם אלטן חזן

אין א שול ווען דער חזן איז געקומען אין די עלטערע יארן, און האט שוין נישט געקאנט דאווענען מיט דעם הויכן שטארקן קול, ווי ער איז געווען געווינט אין די יונגע יארן, האט דער פרעזידענט מיט די גבאים אים גערופן און האבן אים פארגעשלאגן אז ער זאל אויפגעבן דאס חזנות, און ער וועט באקומען א פענסיע, האלב פון די שכירות וואס ער האט באקומען ביז היינט.

דער חזן האט זיך געפונען שטארק באליידיקט פון דעם אנבאט, און געזאגט, אז אחוץ דעם וואס די האלבע שכירות וועט נישט זיין גענוג פאר פרנסה, האט ער בטבע ליב דאס דאווענען און וויל נישט אויפגעבן זיין חזקה.

און דאס וואס מען זאגט אויף אים, אז ער דאווענט נישט גענוג הויך און שטארק, איז אויך נישט ריכטיק, און אין פאקט — זאגט דער חזן — ווען איך האב געדאווענט דעם לעצטן שבת האב איך געזאגט די ברכה פון „הבוחר בעמו ישראל באהבה" אזוי הויך און שטארק, אז פאר שרעק, האט דער גאנצער עולם געשריגן „שמע ישראל".

דעם חזנס געלונגענער וויץ האט גוט געווירקט אויף די גבאים. זיי האבן איינגעזען אז מען דארף דעם חזן צו באהאנדלען מיט יושר, זענען זיי מיט אים אדורכגעקומען פאר דער העלפט שכירות א וואך.

די שול האט צוגענומען אן אנדערן חזן פון וועלכן דער עולם איז געווען צופרידן, און ווי עס האט זיך געדאכט, איז דער אלטער חזן אויך געווען צופרידן נאר אין א פאר יאר שפעטער, אין א שבת ווען דער חזן האט געוואלט צוגיין צו „שוכן עד", איז דער אלטער חזן אים פארלאפן דעם וועג, און אליין זיך געשטעלט דאווענען. עס האט די גבאים און דעם עולם שטארק פארדראסן, נאר, כדי נישט צו מאכן קיין טומל האבן זיי אים געלאזט ענדיקן דאס דאווענען.

נאכן דאווענען האבן זיי צוגערופן דעם אלטן חזן און געפרעגט, היתכן! פארוואס האט איר דאס געטון? צי גיט מען נישט אייך די שכירות ווי מיר זענען מיט אייך דורכגעקומען?

— דאס האט צו טון מיט א הוספה — זאגט דער חזן — און ווען איר און דער עולם וואלטן מיך נישט געהערט היינט דאווענען, וואלט עטך מיך נישט פארשטאנען, ווי איך וועל אייך יעצט גענוי ערקלערן:

מיט א פאר יאר צוריק ווען מיר זענען דורכגעקומען אז פאר פינף פונט זאל איך אויפגעבן דאס חזנות און נישט מער דאווענען, האב איך נאך געהאט א שטיקל קול נגינה, און האב פארשטאנען אז מיין נישט דאווענען איז נישט ווערט מער ווי פינף פונט. מיט דעם היינטיקן דאווענען, האב איך אייך געוואלט איבערצייגן, אז איך האב שוין היינט לגמרי נישט קיין קול נגינה, און מיין „נישט דאווענען" איז שוין ווערט מער ווי זיין געהאלט אצינד און איך האף, אז עטך וועט מיר נישט טון קיין עולה, און וועט אייך צוהערן צו דער תפילה „אל תשליכנו לעת זקנה".



## פראפעסאר ד"ר זעליק בראדעצקי

(צום פארנעמען דעם פאסטן ווי דער פרעזידענט פונם אוניווערזיטעט אין ירושלים)

עס איז גאר א גרויסע זכיה און א זכות פאר אונזער יידישן יישוב אין ענגלאנד, וואס איינער פון אונזערע יידישלעכע און יידישע יידן, א געבוירענער נאך אינדערהיים און א דערצויגענער אין וויטעבסק פראפעסאר דר. זעליק בראדעצקי איז אויסגעוויילט געווארן פאר דעם פאראנטווארטלעכן און וויכטיקן אמט צו זיין דער פרעזידענט פון דער אוניווערזיטעט אין ירושלים.

שוין זיין ווערן דער פרעזידענט פון „בארד אף דעפיוטיס", מיט א צענדליק יארן צוריק, איז עס געווען דער נצחון דא פונם יידישלעכן מענטש, פונם גייסטיקן ייד איבער דער אסימילאציע, איבער דער בירגערלעכער גייסטלאזיקייט, נישט נאר דער זיג בלויז פון א פארטיי, ווארים פארטייאישקייט אפילו „זיאניזם", איז נאך גארנישט קיין זיכערונג געגען די צווייי לעצטע הולאתן. מיטן אויסגעוויילט ווערן אזא יידישע פערזענלעכקייט ווי פראפעסאר בראדעצקי, פאר דעם פרנס פונם ענגלישן יידנטום איז עס געווען דעמלט דער נצחון פונם נאציאנאלן ייד און פונם גייסטיקן מענטש.

עס האט אונז געפרייט צו לייענען די ווערטער פון פראפעסאר בראדעצקי, א בריוו צו אונזער סעקרעטאר, מכוח אן ענדערונג וועגן אבאנאמענט פון „לשון און לעבן", פאר זיין אפפארן קיין ישראל צו פארנעמען זיין וויכטיקן פאסטן. די שורות זענען צו וויכטיק אז זאלן ניט פארעפנטלעכט ווערן.

זיי זיינען ווי א געזעגענען זיך און אויך א צוזאגן, פאר זיין גרויסן אחריות פולן פאסטן אין ישראל, אין ירושלים:

„...די אויפגאבן, וואס שטייען מיר פאר, זיינען געוואלדיק־גרויס. אבער איך וועל ארבעטן ענערגיש און געוויסנהאפט כדי צו דערגרייכן, אז די העברייאישע אוניווערסיטעט זאל ווערן אן אינסטיטוט פון לומדות, אויף וועלכן מדינת ישראל זאל זיין שטאלץ".

מיר, לאנדאנער יידן, זיינען שוין שטאלץ אויף אונזערס א בן־עיר, וועלכער פארנעמט אזא וויכטיקן פאסטן און וועלכער נעמט זיך פאר אים אזוי אויסצופירן און וועלכער איז אזוי באוווסט אין זיינע אויפגאבן. און מיר זיינען אויך זיכער, אז אונטער פראפעסאר בראדעצקיס פירערשאפט, זיין מיושבדיקע זאכלעכקייט, ווי מיר קענען אים, וועט אויך די יידיש־קאטעדרע אין אוניווערזיטעט אין ירושלים, וו ער ווערט יעצט דער פרעזידענט נישט ליידן קיין עוולה — ער, דער באוווסטער יידישלעכער און גייסטיקער מענטש, דער גרויסער מאטעמאטיקער און בארעכנטער בר־דעת! — שטייט איבער אלע קליינלעכע פאליטישע און קנאישע מאכערייקעס און איז זיך באוווסט אין די וויכטיקייטן און די פאטענצן פון א לעבעדיק פאלק.

מיר ווינטשן אים אין זיין לעבנס ארבעט מזל ברכה און חזק ואמץ.

## „אביב“

(אַן אַרטיסטן־גרופּע וועלכע שפּילט יידישע דראַמעס אין ענגליש)

מיר פארשטייען זייער גוט, אז קנאישע קרענקלעכקייט קאן דערגרייכן ביז שטאכן א יידן אין דער יידישער שטאט תל־אביב, ווייל ער רעדט יידיש. מיר פארשטייען אויך זייער גוט די פּאָליטיק פון אַ יונגער מדינה, וואָס וויל זיך נישט אַריינמישן אין „פרעמדע“ ענינים, אַז דער ראש הרבנים פונם תל־אביב זאל יא אינטערוויניִרן מכוח דעם קבר פון חסם־סופר, אבער איבער יידישע שרייבער ווי בערגעלסאן, מארקיש, האפשטיין, פעפער, האַלקין א.א.וו. שוויגט דער ראש הסופרים אין תל־אביב.

און אַז אַ הינער שטעלעכל אין תל אביב איז וויכטיקער ווי אַ יידיש טעאַטער איז דעם איז דאך שוין לת מאן דפליג — דאס שמעקט דאך שוין מיט „גאוורעמענט“!... און אראפּ צוברענגען צו דער מדריגה פון א הינערשטאל טעאטער אין חוץ לארץ דאס געהער דאך שוין צו מצות התליות בחוץ לארץ, דאָס איז דאָך די אויפגאַבע פון יידישער געזעלשאַפטלעכקייט... פון ציוניסטישע קולטור־טעטיקייט אין גלות.

אבער אראפּצוברענגען פון תל אביב ארטיסטן אין טעאטער דירעקטארן צו שפּילן אין וויטשעפּל יידיש טעאטער אין ענגליש — צו שפּילן פאר ווייטשעפּל יידן שלום עליכמן אין ענגליש! — דאס גלויב איך האט שוין צו טון מיט פּאטאלאגישע קרענקלעכקייט... מיר דא וועלן נישט דערפירן חלילה צו א קרימינאל פּאטאלאגישן ענין, ווארים די זאך וועט זיך שוין אפשפּילן אין איר אייגענער קאמיק.

און קאָן עס נאָך זיין מער קאָמיש ווי דאָס וואָס דער סטאר פון דעם גאנצן עסק דרייט איבער דעם נאמען דעם שיינעם יידישן מאיר, אויף טעאדאר (טאדרעס בלע״ז). — אויב ער מיינט, אז דער הליכיקער טא־א־דאר וועט אים העלפן צו דער קאסע, וועלן מיט אים זאָגן אויף ריין יידיש: „אלע טא ניע פאמאושע“.

אויב אבער מיט דעם פארדרייען די נעמען אויף העברעאיש אין ישראל מיינט מען נאר די ביינעמען און די פארנעמען מוז מען טאקע פארדרייען אויף גואישע? זאל מיר דער חשובער סטאר מוחל זיין! אויף דעם איז טאקע דא א גוטער יידישער וויץ, וואס פון דער בינע אראפּ קאן מען אים זאגן, נאר אים אויפשרייבן איז א ביסל פע.

## יעקב באטשאנסקי

אויף זיין נסיעה פון ישראל צוריק אהיים, איז דער באקאנטער זיד־אמעריקאנישער יידישער שרייבער, דער רעדאקטאר פון „די פּרעסע“ אין בוענאס־איירעס, יעקב באטשאַנסקי, אַנגעפלויגן אויף אַ טאָג דאָ אין וויטשעפּל, ווי אַ פלאַטערדיקע בשורה־טובה מיט שלום־און ליבע גרוסן פון אונזער נסים לאַנד ישראל און פון דעם וואונדערלעכן יידישן ישוב אין זיד אמעריקע.



יעקב באטשאנסקי מיט זיין תמיד אלט־נייער ליבע צו יידיש, צו יידיש שאַפן, צו יידישע שרייבער און קולטור און יעצט מיט זיין „בראשית“־ליבע צו אונזער מדינה ישראל איז ממש ווי אַ סימפּטאָם, ווי אַ סימבאָל פון די שטימונגען פונם פאלקס ייד אין אונזער פארוואונדיקטער און נסים־וואונדערלעכער עפּאָכע. יעקב באטשאַנסקי דער שרייבער פאַר עקסעלענס, דער טעאטער־און קולטור־טוער מיט דער סקורע פונם פלינקן זשורנאליסט און מיטן פּאַטעטיש־פילנדיקן יידישלעכן הארץ, האָט דערפילט ווי אַ גוטער שרייבער און ווי נאָך אַ בעסערער ייד אָט די שטימונג און אויף דער הייסער מינוט אָנגעשריבן זיין צוויי־בענד „בראשית“ פון מדינה ישראל.

די פּאר לאנדאנער חברים שרייבער, וואס ס'איז זיי מעגלעך געוועז זיך צו טרעפן מיט דעם גאסט אויף א טאג, האבן זיך מיט אים ווארעם ארומגעכאַפּט, מיט אַ נאָנטן חבר, אַן אויסגעקאַכטן און אָפּגעאָטעמט אַ פּאַר פריידיקע שעה פון אַ הייסן יום־טאָג, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן.

אזויפיל יידישע שרייבער און קולטור־טוער מאכן איצט אזעלכע נסיעות, אָבער באטשאנסקי, האָט נישט געקאָנט איבערפליען אונזער ישוב, און נישט זיך אַראָפּלאָזן צו אים, וויסנדיק אַז דאָ איז ווי נישט איז, סוף כל סוף, דאָך דאָ אַ נעסטל פון אַ פּאָר יידישע שרייבער — זיין אומרואיק, נאָגנדיק הארץ האט אים אראפּגעצויגן צו אונז דא. בחפזון האט „פריינט פון יידיש לשון“ אינסצינירט א שטיקל קבלת פנים פאר חשובן גאסט, וועלכער האט געהאַלטן אַ רעפעראַט איבער זיינע איינדריקן אין ישראל און איבער יידישן לעבן אין זיד אַמעריקע. באַגריסט אים און גערעדט איבער זיין שרייבן און זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אינם יידישן ישוב אין בוענאָס־איירעס האָבן די לאָנדאָנער שרייבער א. מ. פוקס, יוסף הלל לעווי, י. א. ליסקי, י. ש. דארפזאן, מאריס קאץ, שלמה אויערבאך, אליהו פאלושאק, א. נ. שטענצל און פרוי סידא, קיטי בראון, דאָראַ דימאנט א.א. משה עובד, דער פּרעזידענט פון פ.פ.י.ל. האָט געפירט דעם פאָרזיץ. ס'איז געווען אַ חברישע און וואַרעמע מסיבה.

## נישט קיין רכילות׳ל חלילה...

דעם טעאטער מענטש באטשאנסקי וויל איך נאך זאגן, ווייל יידיש טעאטער גייט אים אַ סך אָן, און אין זיין לאנד האט ער א סך דערפאר אויפגעטון, און ווייל גראד אין די טעג פון זיין ווײלן דאָ מיט אונז, האָט זיך דער אלעקסאנדער טעאטער געשלאסן; אויב דאס טעאטער האט זיך געשלאסן האט עס אַ סך צו פארדאנקען די אַמעריקאַנער „בוף“־קאָמיקער, וואָס האָבן עס דערנידריקט אויף אזוי ווייט אז עס איז בעסער שוין צו שווייגן. אויב אבער דאס גרענד פאליי טעאטער האט אויסגעהאלטן דעם שווערן קריזיס דאס לעצטע יאָר האָט עס אַ סך צו פארדאנקן די זיד־אַמעריקאַנישע, בוענאָס־איירעסער אַקטיאָרן, און נישט ווייניק דעם ליבן פּאָרל איצט דאָ ביי אונז, מאָקס פערלמאן און גוטא גאלינא, וועלכע פארשאפן דעם „עמך“־עולם דא אין לאנדאן גרויס

פארגעניגן. בעקר מיט דעם וואס זיי גיבן דעם עולם נישט מער פון וויפיל זיי קענען, נאר דאס וואס זיי קענען און דאס געבן זיי מיטן גאנצן הארצן. אַ גוטער סימן, קאָלעגאַ באַטאַשאַנסקי, לב טוב איז דאָך דאָס בעסטע פון אַלץ — עס איז צו הייס נאָך צוקוקן אין פרק. געגוי צו זען ווי עס שטייט דאָרטן.

## קאַדיא מאַלאַדאָווסקי

ווי די מלכה־שבת, וואָס קומט אָן צו דער מינוט און צו דער רגע, איז זי אנגעקומען, דאס מאמעלע פון „די דזשיקע גאס", די דיכטערין קאדיא מאלא־דאווסקי. זי איז אראפגעפאלן פונם הימל אויף א טאג, פליענדיק פון ישראל באלד ווידער צו פארן קיין ניו־יארק. וואלט זי געקומען מיט עפעס פריער, וואלט די אלע נאטיצן נישט מער געשריבן געווארן, ווייל עס וואלט געווען — שבת אויף דער וועלט!

די פרייד פון זיך זען מיט קאדיא מאלאדאווסקי, נאָך אזויפיל יארן — און פון ישראל! — ווי וואָלט איך נאָך געהאט רעדאקציע־אחריות: די ליינע טייפ־מאשין וואלט געשטאנען א ווארטנדיקע, ווי פרייטיק פארנאכט א זינגער־מאשין ביים שניידער, צוגעדעקט מיט א שבתדיק „צוועטל".

אזויפיל שיינס און וואונדערלעכעס האט די דיכטערין געהאט צו דערציילן, און אזויפיל וויכטיקס, איר באגלייטער און מאן, דער שרייבער שמחה לעוו. ביז די ערשטע דריי שטערן זיינען אויפגעגאנגען.

ליבע קאדיא מאלאדאווסקי, די ליינע טייפ מאשין ארבעט א גאנצע נאכט, און אפילו דאס קליינטשיקע נאטיצל נאָך איבער אייך וויל איך נאָך אריינברענ־גען—אהבה דוחקת. איך האב נישט קיין כוח צו שרייען „שבת זאל זיין"! איך האב מיך פארקויפט צו אונזער האליקער גלות־ארבעט; זאל איך נאר כוח האבן צו האלטן זי הייליק, זאל זי מיר נאר נישט וואכעדיק ווערן חלילה, אונטער די הענט — — —

א, מיר לעבן איצט אין א צייט, וואס מיר מוזן זיך קוקן גוט אויף די פינגער, ווי בשעת הבדלה מאכן ווי בשעתן באגלייטן די מלכה שבת — מיר לעבן דאך אין משיחס־צייטן: דוד מלך ישראל חי וקים.

ש.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנארד באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט א.1 — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 2־טן יולי — לכבוד קעניגס 60־טן געבוירן יאר.
שבת דעם 9־טן געווידמעט דעם לאנדאנער יידישן שאפן.
שבת, דעם 16־טן א פירונג אין דער ווייטשעפל ארט גאלעריע דורך די ביל־
דער פון מארק גערטלער.
שבת, דעם 23־טן די טראדיציאנעלע יארצייט פון הערצל און ביאליק.



„אין חדר אריין" 5/-
„אין זכות פון די טעג" 8/6
פון
**משה עובד**
צו באקומען ביים מחבר:
MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1
עפענטליכע ביבליאָטעקן באקומען דאָס בוך פריי

## מזל טוב

אַ הארציקן מזל טוב צו הרב והרבנות ר' יהודה שיינפעלד שליט"א צו דער חתונה פון זייער בן יחיד ר' מאָטעלע נ"י מיט פרל. אסתר כהנא תח'. פיל נחת און פרייד ווינש איך די עלטערן און דעם יונגען פאָר.

מאריס קאַץ.

דעם קעלצער רבין שליט"א און די רביצן א מזל טוב צו דער חתונה פון זייער זון ר' מאטעלע נ"י—עס זאל זיין בשעה מצלחת.

לשון און לעבן

„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מאַרריס מייער
די איינציקע יידישע ציטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

א הארציקן מזל טוב אונזער מיטגליד מר. דעלמאַן און פרוי צו דער חתונה פון זייער איינציקן זון.

פריינט פון יידיש לשון

מיט ווינטשן אונזער מיטגליד און מיט־טוער רעוו. חזן שמואל ראטה אלדעס־גוטס צו זין אפדאנקען ווי א מיניסטער אין דער קאמערשל־ראד שול.

פריינט פון יידיש לשון

114

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.


נומער 8 (העפט 115) **צענטער יארגאנג** אויגוסט 1949 לאנדאן


רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאלט:


1. די אלט־שטאט ירושלים — די עיר־העתיקה.
2. תיק"ו — תשבי יתרץ קושיות ואבעיות,
3. דאס געוויין פון דער מאמע רחל........ ** 1

אלט־ירושלים (דערציילונג) ........ פ. פלאי 6

אין די קרומע שפיגלען פון מענטשנס אויגן, מיט צוויי זעק צירונג, א לויב
געזאנג צו חוה'ן (לידער)........ משה עובד 16

טונקלע טעג (דערציילונג) ........ א. מ. פוקס 18

דריי בודאפעסטער יידן (עסיי)........ יוסף פרענקעל 23

אין ערשטן היי־שניט. עלזע לאסקער שילער (לידער).... א. נ. שטענצל 26

דער "קאמפראמיס" (עסיי)........ לעא קעניג 30

צוויי לידער, ........ יורי סוויעטאגאר 32

די וויכטיקייט פון אינפארמאציע ........ נחום שטענצל 34

ביכער אויפן טיש (ביבליאגראפיע)........ אליהו פאלושאק 36

"יידן אן געלע לאטעס" (רעצענזיע)........ י. ה. לעווי 39

העברעאישער דיכטער אין ישראל שטארבט אין סאמע מיטן בלי פון זיין
דיכטערישן שאפן........ אפרים טויבענהויז 42

יוסף שערמאן ע"ה........ א. מיזעלס 43

צוויי געטרייע חברים (נעקראלאג)........ א. פל. 46

דער פאעט דוד פראם אין לאנדאן........ א. י. ליסקי 47

דער פאעט שלום שטערן פון מאנטרעאל........ 48

מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס........ 48


**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאנענטס־פרייז: —19/6 פאר א יאר
אין אויסלאנד: —5 דאלאר א יאר
1/9 פאר א פראבע נומער


אדרעס פון רעדאקציע
"לשון און לעבן", נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.



# S. LONDON
## LTD.

### *FURRIERS*

**ESLOND HOUSE**
**185/6 SLOANE STREET, LONDON, S.W.I.**

TELEPHONE; SLOANE 0793-4-5

TELEGRAMS: LONFURDON, KNIGHTS: LONDON.



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*